ערב פרידתי מבית־אבא ועלייתי לארץ־ישראל, היה משה אורציס בין הראשונים שבאו להיפרד ממני. בעודני מוקף בני־משפחה, קרובי־משפחה, שכנים, חברים וידידים, הופיע הוא, כשכובעו כרגיל שמוט לצד על ראשו הגדול והקרוח, חיבקני בשתי ידיו הבשרניות, הרעיף עלי מטר של נשיקות ובקול־בוכים התחנן: ״חיימ׳ל פארגעס מיך נישט״ (״חיימ׳ל, אל־נא תשכחני״). אודה ולא אבוש, אותה שעה לא ירדתי לסוף דעתו ולא עמדתי על טיב בקשתו. לימים, כשביקרתי בבית־אבא, נתחוורה לי כוונתו, כי למען השם זכור אזכור את זמירותיו, את ״שיריו״ ועל כולם — את ניגונו... ולמה אכחד? לא פעם, משנזדמן לי לראות חייט רכון על עבודתו ומאזין לזמירות שפולט מקלט הראדיו, עולים בלבי ניגוניו החמים והנלבבים של משה אורציס הטוב והתמים...

משוגעים ושוטים

"איזוהי עיר גדולה? כל שיש בה עשרה בטלנים, פחות מכאן הרי זה כפר" (מגילה א, ג). גם מבחינה זו היתה עיירתנו כפר. בטלנים לא היו בה, רובם ככולם אנשי־עבודה ואנשי־מעשה ומיעוטם בני־תורה, אך גם הללו לא בילו רוב ימיהם בבית־הכנסת ולא התפרנסו מקופת־הציבור, כדרכם של "בטלנים". בין עבודה לעבודה, כרבנים, שו"בים, מלמדים וכיו"ב, עסקו בתורה, במצוות ובצרכי־ציבור. אבל משוגעים ושוטים, רחמנא לצלן, היו והיו בעיירה, משוגעים גמורים ומשוגעים־למחצה.

על המשוגעים הגמורים נמנתה משפחה שלימה — האב "ח י י ם ד ע ר ר ו י ט ע ר" (חיים האדום), בתו ובנו. לעת זיקנה נשתפה האב ואז היה משמיע דברים של טעם ולעיתים אפילו הפתיע באימרה קולעת, אך במצבם של הבת והבן לא חל שינוי לטובה. מוסד לאישפוזם לא היה, כמובן, והם שוטטו בחוצות ושימשו מטרה לחיצי לעגם של בני־העיירה וטרף להתקלסותם של הילדים. מפה לאוזן סיפרו כי בצעירותו היה האב כלי־זמר ואולי אפילו "שחקן" באיזו להקה נודדת או בקירקס. הוא ניגן בכינור, על־פי השמיעה, ובשעות הקודרות בחייו, והללו לא היו מועטות, שפך את ליבו בנגינה שלעיתים היתה מלווה בדמעות — דמעות־עצב ויגון על גורלו המר, על חייו הדלים והאפורים ועל כוס־המרורים שהשקוהו יוצאי חלציו... פעם, בליל חג־הביכורים, נשמעו צלילי כינור מביתו. תמהו־גם־תמהו העוברים ושבים ושאלוהו בתמיהה: — "ר' חיים, נגינה בליל־החג?!" מחה דמעה מעל פניו והשיב: —

"יובל שנים אני מתפלל ואלוהים לא שמע ולא נעתר לתפי־לותיי, שמא ישמע לנגינותיי ?"...

ומשוגע־למחצה "צבי דער שרייער" (צבי הכרוז). גבר דק וצנום, כולו עור ועצמות, ארוך כאורך הגלות אך דעתו קצרה. תמיד נראה כהולך על־גבי כלונסאות ומחייך את חיוכו האווילי, הטוב והנוח. חיוכו הבליט את פיקת־הגרגרת שלו בגודל של אגוז, שעלתה וירדה במהירות מסחררת ככס־פית, וחשף את שני טורי שיניו הרקובות והאכולות עשן סיגריות. שתיים היו פרנסותיו — שואב־מים וכרוז, ושתיהן גם יחד סיפקו לו בדוחק לחם לאכול ובגד ללבוש. מים מן הבאר הביא אל בתי העשירים ששילמו לו בעין יפה והעניקו לו מנת־מזון, בגד משומש וכו׳. וכרוז כיצד? "מקצוע" זה היה פרי "המצאתו". מהלך היה ברחובות העיירה וכורז על אסיפה כללית שתיערך בבית־כנסת פלוני, על הרצאתו־דרשתו של שד"ר אלמוני, על הצגה של להקת החובבים המקומית ולעתים גם על מכירה כללית מוזלת ("מכירת סוף העונה"), או על דגים טריים שהגיעו זה עתה. אליבא דאמת, איש לא הבין תוכן הכרזותיו שהשמיען בקול רם. המלים יצאו מפיו בשטף מסחרר, משובשות ומסולפות עד כדי אימה, אך הכול נהנו מהעוויותיו ומתנועותיו בשעת ההכרזה ובעיקר מן הסיפא. כל הכרזה נסתיימה בסלסול־קול ארוך וממושך במלים אלו: — "און עס וועט זיין מיט מוסיקה" כלומר: "הכול יהיה בלוויית מוסיקה". בשעה זו היה צבי נהנה הנאה מרובה מעצמו, מ"ניגונו" ומקורת־הרוח שגרם לילדים בעיקר, שהקי־פוהו והתחננו לפניו שימשיך בסלסולי קולו. ואם שאלוהו: "צבי, מה אתה מכריז ועל מה אתה מודיע?" היה פורץ בצחוק רם ומשיב ללא שהיות: — "דג מלוח", "ככר לחם".

"קופסת סיגריות" וכיו"ב, כרוצה לומר: כלום חשוב על מה אני מכריז, חשובה התמורה שאני מקבל...

ולבסוף — אייזיקל שוטה העיר סורוקה. למעשה לא היה בן־המקום אלא אורח נטה ללון, אך ביקוריו התכופים בעיירתנו היקנו לו "אזרחות־כבוד". פרצופו המגומש, עיניו הגדולות, הטרוטות והחייכניות תמיד, פיו הנוטף ריר ולבושו הקרוע והבלוי, העידו כאלף עדים על זהותו. מטבעו היה שקט, שתקן וביישן וכל כולו ילד עזוב ומוזנח, שלא חש מעודו יד חמה של אב ואם. בודד וערירי היה, ופרנסתו על עבודות־דחק שונות ומשונות: עוזר לשואב־מים, מטאטא רחובות, מעביר סחורות ורהיטים ממקום למקום ועל כולם — אורח של קבע בחתונות, אם בעירו סורוקה ואם בעיירתנו או בעיירות הסמו־כות. וכיוון ששמחות, ברוך השם, לא חסרו, היה אייזיקל מופיע בעיירתנו אמנם כאורח־לא־קרוא, אבל תמיד רצוי. לאחר שסעד את לבו ולגם כמה כוסיות יצא ב"ריקוד סולו", ששימש "אטרקציה" מיוחדת לילדים. כאמור, שתקן מופלג היה אך משפתח את פיו השמיע לפעמים דברים של טעם. חלום חייו, כחלומו של "באנציע" לי"ל פרץ, היה חלה טריה וצלי. ואכן, כששאלוהו פעם מהי שאיפתו בחיים? נשא אייזיקל עיניו אל ההר, הוא הר־הכרמים שבו נתברכה העיר סורוקה ואל הדניסטר שהשתפל בשוליה, נאנח אנחה עמוקה ואמר: — "מה נאה היה העולם, אילו ההר — חלה והדניסטר — צלי, ואני יושב לי בנחת, טובל חלתי בצלי וחי חיים של קורת־רוח"...

בתי־כנסיות

חמישה בתי־כנסיות היו בעיירה והם, על קהל מתפלליהם, שימשו בבואה נאמנה לדמות דיוקנה של העיירה כולה. שלושה מהם "הקלויז", ה"שול" וה"קלייזל" התנוססו לתפארת בעיבורה של העיירה, סמוך לשוק, ואילו שניים האחרים, ה"שניידערשע שול" וה"דייטשע שול" קישטו רחוב צדדי, קטן וצר, סמוך לבית־הספר, מקום מגורם של הרב, השו"ב ר' שפטיל ועוד כמה בעלי־בתים מכובדים. ב"קלויז" התפללו בעלי אחוזות וקרקעות, סוחרים אמידים וסתם "יהודים יפים"; ה"שול" נתייחד לפשוטי־עם מסוגם של דוד'ל ור' שמעון "גוי"; ה"קלייזל", "מבצרו" של ר' אידל האדום, נתמלא למעלה ממחציתו מבני משפחתו — בנים, חתנים, אחים, גיסים ויתר קרובי המשפחה; ה"שניידערשע שול", כשמו כן הוא, מרכזם של האומנים למיניהם: חייטים, סנדלרים, נגרים, פרוונים, נחתומים, חרשי ברזל, קצבים וכיו"ב; וה"דייטשע שול", שנקרא כך משום שהתפללו בו אמנם יהודים מכל הסוגים, אך בעיקר ממושכלים מסוגו של ר' יחיאל פינטשווסקי ור' אברהמ'ל אקסנפלד. ה"דייטשע שול" היה המיוחס שבכל בתי־הכנסיות — "מצודתו" של הרב ומרכז האסיפות, העצ־רות, הכינוסים, שם השמיע הרב את רוב דרשותיו ונאומיו הציוניים בנועם קולו החוצב להבות אש. הצד השווה שבכל בתי־הכנסיות הללו, זולת זה של הרב שהצטיין בנקיונו ובהידורו, שלכלוכם מרובה מנקיונם — עזובה ו"אבק דורות" בכל מקום ובכל פינה. והכול באשמתם של השמשים, רובם

ככולם מטיפוסו של ר׳ חיים, שמש ה״קלויז״, שלא היו בודקים במסכת ״טהרות״.

למראה הכתלים המעובשים והתקרה המפוייחת של ה״קלויז״ נתרגזו ונתרתחו לעתים בעלי־הבתים, קבלו והתריעו בקול רם, אך ללא הועיל. ומששאלוהו לר׳ חיים: הייתכן? לכלוך וזוהמה, קורי־עכביש ובוץ דאשתקד על כל שטנדר? כעכע הלז ארוכות, השהה על איש־שיחו את עיניו הדלוחות תמיד, פיו העטור זקן מחודד העלה חיוך אוילי ובלשונו הנו־טפת ריר פלט: ״בה מה!״ כאילו רצה לומר: קל וחומר, אם אין בכוחי לרחוץ ולטהר את גופי הדל ולהקפיד על קפוטתי שתהיה נקייה ואם אין שעתי מספיקה לעשות את צפורני השחורות ושער ראשי וזקני שגדלו פרע, רצונכם שאשליט סדר ונקיון ב״מקום קדוש״ כה גדול ונכבד בשביל כמה עשרות בעלי־בתים? . . .

אווירה מיוחדת במינה היתה שרויה ב״שניידערשע שול״, הקטן והכהוי, אם בשל אותו צל של עצבות שהיה פרוש תמיד על קהל מתפלליו, רובם עניים מרודים המתפרנסים בצער, בעלי מלאכה ישרי־לב ותמימי־דרך שתפילתם בזיע וברטט; ואם מחמת הנוף הנאה שנתגלה מבעד לחלונותיו הנמוכים, שהשקיפו על־פני גן בית־הספר המוקף גדר של שוכות ותיל מתוח ביניהן ועל־פני אפרים עטופי־דשא, שדות מוריקים וגנים מלבלבים ומלאים ברכת תנובה. ואולם חיבה מיוחדת היתה נודעת מכולם ל״דייטשע שול״ בשל תפילותיו של הרב בקול קובל ונוקב, מתחטא ומסתלסל; תפילות חמות ונרגשות שיצאו מן הלב ונכנסו אל הלב, ואפילו ללבותיהם של ״קטני־אמנה״ . . .

בני־העלייה

קומץ הגימנזיסטים והסטודנטים, שהשתלמו באוניברסיטאות המדינה ובחוץ־לארץ, ובילו את חופשת הקיץ בבתי הוריהם האמידים, בתי ויינברג, רבינוביץ׳, הלגורט וכיו״ב, שיתפו פעולה עם בני המקום, ראשי ה״גורדוניה״ וה״קולטור־ליגע״, הפיחו רוח חדשה בחיי הנוער ועוררו לפעולות. הללו יזמו הרצאות, הצגות, נשפי־הקראות, ויכוחים פומביים ומשפטים ספרותיים על ״הנידחת״ לפרץ, על ״נורה״ לאיבסן ועל ״אנה קארנינה״ לטולסטוי, שהפכו לשיחת היום ולשירת היום והלילה. על אף עינם הפקוחה והחשדנית עד לזוועה של השלטונות הרומניים, ש״שמעו״ בכל נאום דברי־שיסוי והסתה נגד השלטון ובכל אסיפה ״ראו״ תכונה גלוייה ל״מהפיכה קומוניסטית״, נתקיימו הנשפים הללו ברוב פומבי, ומשכו לעתים אורחים חשובים מעיירות הסביבה, קהל משכילים וסטודנטים. הערבים הספרותיים־אמנותיים הללו, תחילתם באולם צר ואפל ומחניק והמשכם בגנים ובכרמים, על הגרנות ועל־פני כרי האחו של ה״טוליקע״. היו אלה טיולים וסיורים מלאי־משובה, מתובלים בסיפורים מבדחים והלצות ממולחות, בזלילת פירות רעננים מבדי האילנות, במציצת ענבים עסיסיים מן האשכולות, באכילה תאוותנית של אבטיחים אדומים ובשר־ניים, ומלווים בשירה, שהשתפכה מאופק אל אופק. דומה כי בשיריהם, יותר מאשר בשיחותיהם־ויכוחיהם, בחום ובהתלה־בות, גילו הללו כל אשר העיק על לבם, הרעיש והסעיר את נפשם — נפשות רוויות אש־נעורים ורוֹן נעורים ואכולות־

געגועים עזים לחרוג מקליפתם וכיסופים למרחבים, לאשר לא כאן!...

"כיסופים למרחקים, לאשר לא כאן", לאן? חלקם לארצות־הברית של אמריקה, מיעוטם לארץ השכנה, לרוסיה, ומיעוט שבמיעוט, גרעין שגדל והעמיק ונתרחב במרוצת השנים, לארץ־ישראל. הראשונים, קיננה בליבם השאיפה לנדודים ולהרפתקאות ואף התשוקה להעשיר; בעלי החלומות על רוסיה, ואלה משמנו וסלתו של הנוער היו, הושפעו מרוח התקופה ומריחן של האידיאות שתססו והסעירו את הלבבות באירופה בכלל ובארץ השכנה בפרט. ואילו קומץ הלאומיים, בשבילם היתה הציונות פרי הכרה עמוקה וגעגועים לחיי עבודה במולדת. חיי עבודה, ברעיון זה נתקפל עיקר אמונתם הלאומית, ובהגשמתו, הלכה למעשה, ראו את התרופה לאנומליה של חיי גולה נטולי־ממשות, חשוכי־אור ונעדרי־תקווה. אין פלא אפוא שתנועת גורדוניה היא שהיכתה בעיירה זו שרשים עמוקים, עוררה והלהיבה המונים מבני הנוער, שרבים מהם נפוצים כיום בעריה ובכפריה של ישראל.

התרומה הצנועה שתרמה העיירה לעלייה השלישית, עיקרה ומקורה בבתים שציון היתה בבת עינם, משפחות מעורות בעבודה ובמלאכה ובניהן בקיאים בהלכות שדה ומומחים בכל ענפי המשק. מן הבתים הללו (רבינוביץ', פוקס, הוכברג, אַקסנפלד, כ"ץ, בנדרסקי, מושינסקי (= מישאלי) וכיו"ב) באו חלוצים חסוני־גוף וחרוצי־כפים, "אברכי־שדה" מעולים, ממת־יישביו הראשונים של כפר־יהושע, מכובשי העבודה העברית בפתח־תקוה, ברחובות, בכפר־סבא, בחדרה, בפרדס־חנה ועוד. ובעקבותיהם עלו ובאו גם הרכים והענוגים, "אברכי המשי": בנות הרב, בנו יחידו משה שטרנברג, מתלמידיה וממוסמכיה הראשונים של האוניברסיטה העברית, עורך־דין

ועוסק בחקר הפילוסופיה העברית; אחותו של הרב, חיה (פונט), שביתה ולבה פתוחים תמיד לעזור, לעודד ולסייע כל דך ונצרך; בניו של ר׳ שפטיל שו״ב: ר׳ מנחם מנדל דוידזון, אספן של פולקלור והיסטוריוגראפיה, בעל הארכיון העשיר לחקר תולדות יהדות ביסרביה, ואחיו אפרים, מורה ומחבר ספרי־לימוד ובעל ״שחוק פינו״ (תשי״א) — אוצר להומור ולסאטירה בספרות העברית מראשיתה ועד ימינו, בצירוף מבואות והערות ו״שחוק לישראל״ (תשי״א) — ילקוט לפולקלור, הומור הווי ובדיחה על מדינת ישראל. וכן עלו ובאו רבים אחרים, ״שארית הפליטה״ של העיירה.

עתה, מקץ למעלה מחצי יובל שנים מאז ראיתי לאחרונה את העיירה, חייתי את חייה מקרוב והזנתי את עיני בערב־רב של אנשיה על ארחות חייהם, שמחותיהם ויגונותיהם, לבטיהם וטירחותיהם; עתה, כשאני משקיף עליהם לאור השריפה הנוראה שירדה על משכנותיהם הדלים ולאור התמורות הגדו־לות שנתחוללו בחיינו בארץ, הריני תופס ומשיג יותר ויותר כי שם, כמו בכל תפוצות הגולה, נמצאו בתים שהיו למעשה צירויות ישראל קודם קום המדינה. הבתים הללו, על כל ארחות חייהם, היו בבחינת פרוזדורים לטרקלין הגדול והנכסף וכדרכם של פרוזדורים, לעתים צרים ואפלים, חסרי־אור ונעדרי־אויר. ואולם ככל שגדלה שם החשיכה כן רבתה הכמיהה לאור, ככל שגברו הלחץ והשעבוד כן עמקו הכיסופים ״לשוב לארץ אבותינו, לעיר בה דויד חנה״ . . .

סיום

דומברובאן, עיירתי הקטנה והנידחת בערבות ביסרביה שעל גדות הדניסטר, היתה ואיננה עוד! כיצד נמחתה מעל פני האדמה? כיצד הוכרעו אותם יהודים קרקעיים, טובי־לב וחמי־מזג, שהיו ספוגים ורוויים אהבת־ישראל, אמונת־ישראל ומסורת־דורות? כיצד נעקרו מאדמתם ומבתיהם הנוחים וה־מושרשים? ומה מראיהם של הבתים המועטים והבודדים שנותרו, הרוסים וחרבים למחצה, והיו משכן לגויים, לערלים שופכי־הדם? — על כך הגיעונו הדים בלבד מפי עדי־ראייה ושמיעה, פליטי־חרב שבאו אלינו ובעיניהם אימת־מוות. כמוץ לפני רוח נפוצו על־פני ערבות רוסיה וביצות טרנסדניסטריה; ואילו רובם, אבות על בנים ובנות ותינוקות של בית־רבן, מצאו את מותם בדרכים וביערות, במחנות ריכוז ובמרתפים. שמי השמים ממעל והארץ מתחת רק הם בלבד קלטו זעקותיהם ודמעותיהם, האזינו לאנחותיהם־ווידוייהם.

* * *

השדות, הגנים והכרמים הללו, שנזרעו, ניטעו וטופחו במשך דורות במישורי הערבה של ביסרביה בכלל ובדומברובאן בפרט, מוסיפים לצמוח, לפרוח ולהניב והם הם העדים האילמים:

אֵיךְ הוּבְלוּ דֶרֶךְ כְּפָר שַׁלְאֲנַן וְרָוֶה
רֵיחַ פְּרִי וּרְפָתוֹת; בְּכָל גֶּדֶר בִּקְתָה
עָמְדָה (פְּנֵי פְּסֵיפַס הַנַּצְרוּת!) בְּשִׁקְטָהּ
כָּל אֻכְלוּסִיַּת־הָאִכָּר וְחִכְּתָה
לִרְאוֹת בַּמַּחֲזֶה:
– יְהוּדִים מוּבָלִים אֶל הַמָּוֶת מִזֶּה.

(א״צ גרינברג, רחובות הנהר, נא — נב)

היה היתה עיירה ואיננה עוד! ויהודיה, שדבקו באדמה ואחזו במחרשה הרבה שנים לפני שהרעיון הציוני קרם עור, מנגד ראו את הארץ ושמה לא באו, כי הושמדו בידי זדים וטמאים, לקבר ישראל לא הובאו ויום פטירתם לא נודע.

חיים תורן

געווען אַמאָל א שטעטל

בעלעטריסטישע מאָנאָגראַפיע וועגן מיין

היים־שטעטל דאָמבראָווען אין בעסאַראַביע

צום אנדענק פון מיינע עלטערן
אהרן און רחל זיגעלבוים
און מיינע שוועסטער
חנה און ציפקע
אומגעקומען אין דער שׂואָה

אינהאַלט

הקדמה	91
אריינפיר	93
מיטן כּוח פון אַ ניגון . .	96
אלה תולדות	98
אַ "פּרוזדור" קיין ארץ־ישראל .	101
לאַנדוווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע .	103
איינטאָניק לעבן . . .	114
פאַרווייילונג	116
פּראָסטע יידן	119
דער רב	130
דעם טאַטענס הויז . . .	135
באַלעבאַטים, יידן חכמים און יוצאי־דופנס . . .	145
דער קנאי	175
אינטעליגענטן	178
משכילים און "עמך" . .	181
משוגעים און נאַראָנים . .	185
בתי־כנסת	190
בני־עלייה	192
עפּילאָג	197

הקדמה

האָסט פאַרוויסט אי די פרייד, אי דעם טרויער,
האָסט מיין היים אויפן ווינט צעהורבעט,
כ׳וועל צוריק זי אין וואָרט אויפבויען,
מיט געוויין אויף די יידישע חורבות.
(אפרים אויערבאַך, "אַ לעבן צווישן
טאָוולען", זייט 126)

מיט די בלעטלעך פונעם דאָזיקן קליינעם ביכל וויל איך שטעלן אַ באַשיידענעם זכרון-דענקמאָל פאַר מיין היים-שטעטל דאָמבראָווען, אַ קליין בעסאַראַבער שטעטל וואָס איז געווען און איז מער נישטאָ. אינעם יאָר 1835, בערך, איז דאָס שטעטל געגרינדעט געוואָרן און מיטן אָנקומען פונעם גרויסן קאַטאַקליזם, אין יאָר 1940, איז עס חרוב-ומוחרב געוואָרן ביזן פונדאַמענט.

דאָס בוך דערשיינט אין צוויי לשונות — אין העברעיש, "לשון-קודש", מיט וועלכן די יידן האָבן געדאַוונט צו זייער פאָטער אין הימל און אויסגעדריקט זייער בענקשאַפט, טרוים און האָפענונג צוריקצוקומען אינעם לאַנד פון די אבות, אין דער שטאָט פון דוד המלך; און אין יידיש, אינעם "לשון פון די קדושים", מיט וועלכן יידן האָבן זיך באַנוצט אין זייער טאָג-טעגלעך לעבן און אין וועלכן זיי האָבן דערצויגן זייערע קינדער צו תורה, חופה און מעשים טובים.

איך האָב דערציילט וועגן מיין שטעטל און וועגן עטלעכע פון זיינע געשטאַלטן אַזוי ווי זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין יונג האַרץ, און זיך אויפגעהיטן אין מיין זכרון, זינט איך האָב זיי געזען צום לעצטן מאָל, נאָענט צום חורבן.

מיין פאָטערס הויז האָב איך דאָ אָפּגעגעבן בלויז אַ קליין קאַפּיטל. מער וועגן דעם טאַטנס הויז בכלל און בעסאַראַ־בישן שטייגער־לעבן בפרט געפינט זיך אין מיינע ביכער: "בית אבא" (תשט"ו); "בצל גנים" (תשכ"א) און "שם ישבנו" (תשל"א).

מיר, די פאַרבליבענע און פאַריתומטע, פונעם "דאָזיקן פאַר־שניטענעם פּירות־גאָרטן", ווי עס קלאָגט א. צ. גרינבערג, אויף אונדז ליגט די מצווה צו דערציילן אַלץ וואָס איז געווען, כדי אונדזערע קינדער און קינדסקינדער ביז סוף כל הדורות זאָלן געדענקען "את אשר עשה", וואָס דער "עמלק" פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט אונדז געטאָן, זיי זאָלן וויסן וואָס זיי און מיר האָבן דאָרט פאַרלוירן.

מיין פריינט אפרים שעדלעצקי, וואָס האָט איבערגעזעצט די מאָנאָגראַפיע אויף ידיש, מיין דאַנק.

חיים תורן

אַריינפיר

דאָס שטעטל, וועגן וועלכן מיר ווילן דאָ דערציילן, איז אין יסוד נישט געווען אַנדערש ווי די איבעריקע בעסאַראַבישע שטעטלעך, חוץ דעם פאַקט, אַז דאָס איז געווען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע. מיט זיין לעבנסשטייגער, שפּע געשטאַלטן און אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון די רעליגיעזע און אַלגעמיינע אינסטיטוציעס זיינע, איז כמעט נישט געווען קיין וועזנטלעכער אונטערשיד צווישן אים און די אַנדערע בעסאַראַבישע שטעטלעך פונעם קרייז כאָטין אין צפון ביזן קרייז איזמאַיל אין דרום.

אין קאַלאַראַש פון קעשענעווער קרייז און אין טאַטאַרבונאַר אינעם קרייז אַקערמאַן; אין ליאָווע אינעם קרייז איזמאַיל און אין רעזינע אינעם קרייז אוריעוו; אין רישקאַן אינעם בעלצער קרייז און אין ראַמאַנאָווקע אינעם בענדערער קרייז; אין ליפּקאַן אינעם קרייז כאָטין און אין זגוריצע אינעם קרייז פון סאָראָקע — אין די אַלע ראַיאָנען זענען געווען האַרציקע פּשוטע און פעסטגעבויטע יידן, דער רוב פּראָסטע יידן, האָרעפּאַשניקעס און שווייגערס, "קינסטלער פון שיינעם שווייגן", און זייער ווייניק תלמידי־חכמים און כלי־קודש, וואָס האָבן גאָרנישט מער פאַרמאָגט ווי יראת־שמים, תלמוד־תורה און מעשים־טובים; און דורכגענומען זענען זיי געווען מיט אהבת־ישראל, אמונת־ישראל, טראַדיציע פון דורות און בענקשאַפט נאָך ציון.

הלמאַי זאָלן מיר לייקענען? געווען דאָרט אויך אַ סך

עם־הארצות, יידן וואָס האָבן באַקומען דעם צונאָמען "גוי". און טאַקע, וואָס איז דער חידוש וואָס די "קליינינקע אותיות" האָבן ביי זיי אַרויסגערופן קאָפּ־שווינדל און אויגן־ווייטיק? זייער לערנען אין חדר האָט זיך זייער אָפּט איבערגעריסן שוין אויף דער שוועל פון בר־מצווה, מחמת אַרעמקייט, פאַר־יתומטקייט אין פריען עלטער, פּרנסה־זאָרג און שווערע ביי־טערע האַרעוואַניע; אָדער מחמת די באַדינגונגען פונעם לעבן אין פאַרוואָרפענע דערפער, אין וועלכע עס איז צומאָל קיין מנין יידן נישט געווען. אין אַן אָרט ווו לימוד תורה איז נישטאָ — ווי איז שייך צו טרעפן דאָרט לומדים? מיט גרויס מי האָבן זיי קוים אויסגעלערנט דעם "קידוש" און "קדיש", און אויך דאָס איז ביי זיי אַרויסגעקומען צעשטאָכן און צע־בראָכן, מיט גרייזן. שרייבן אַ בריוול אָדער מאַכן אַ חשבון איז געווען איבער זייערע גייסטיקע כוחות, הגם פון דער נאַטור אויס זענען זיי ווייט נישט געווען קיין מלופּם־קינ־דער נאָר מענערלעך־געבויטע, מיט האַרטע מוסקולן, וואָס האָבן געשפּאָלטן קלעצער מיט איין זעץ מיט דער האַק; אַ נעם געטאָן אַ זאַק מעל אָדער אַ פאַס וויין ווי אַ הינדל צום שלאָגן כפּרות. אפילו מיט זייער פּראָסטן, רויען לבוש זענען זיי ענלעך געווען צו זייערע גויישע שכנים, רחמנא־ליצלן. אונטער זייערע בורקעס און פעלצן האָבן אָבער געקלאַפּט וואַרעמע, תמימותדיקע יידישע הערצער. על־פּי־רוב האָבן זיי געוווינט הינטערן שטעטל, אין די פאַרשטעט, אין די "געס־לעך פון די דריי פייען" (פ׳ליישערס, פ׳ישערס און פ׳ארערס־פורמאַנעס). זייערע הייזער זענען געווען אַזוינע, ווי ביאַליק האָט געשילדערט אין דער פּאָעמע "פרידה": "אַרעמע דירות, צעריסענע דעכער און ווענט וואָס האַלטן ביים איינפאַלן, פאַרזונקען אין זאַמד ביזן מיטן". אָט די "עמך"־יידן, וואָס

זענען נישט געווען היגטערשטעליק לגבי זייערע ברידער אינעם שטעטל וואָס שייך זייער גבורה און שטאַרקייט, זענען אָבער געווען יידן מיט האַרץ און נשמה; מוכן ומזומן אין יעדן מאָמענט איינצושטעלן דאָס לעבן פאַר קידוש שם ישראל, תורת ישראל און כבוד פון דער משפחה. וועגן זיי און זייער גלייכן האָט זלמן שניאור געזונגען דעם "לויב־געזאַנג פאַר עם־הארצות", אינעם פראָלאָג צו זיין "נח פאַנדרע":

"ווו זענט איר אַצינד, איר דעמבענע יידן מיט די ברייט־נאָזיקע שטיוואַליעס און מיט די צעשוווּמענע, פאַרברענטע בעזער ווי ביי לייבן? איר, באַלעגאַלעס, קצבים, נאָסקע־טרעגער, ליימער, זעגער... אייער קול איז געגאַנגען ווי פון אַ פּוסטער פאַס אַרויס, און אין אייערע קינדערשע אויגן האָט געשפּילט דער כוח פון לעבן.

ס'האָט פון אייך שטענדיק געשמעקט מיט וואַלד, מיט דיעגעכץ, מיט קאָרענע מעל, מיט פרישע פעלן...

די בענקשאַפט נאָך פעלד און וואַלד קומט פון אייער ערדישער פּראָסטקייט, פון אייערע מעשיות, דער ווילן דורכצוברעכן די לעצטע טויערן פון דער געטאָ שטאַמט אויך פון אייך, פון אייער מיטן..."

מיטן כוח פון אַ ניגון

וואָס איז געווען דער סוד פונעם חן און צויבער פון אָט די ווינקעלעך און שטעטלעך ביי די ברעגעס פונעם פּרוט און דניעסטער? איז דאָך באַקאַנט אַז ד אָ ר ט (און עס רעדט זיך דאָך וועגן די ק ל יי נ ע שטעטלעך) האָבן געלעבט, אויך רייכע קינדער אַ לעבן פון אָרעמקייט און דלות, און דעם ערשטן וויסן אונדזערן האָבן מיר דערוואָרבן אינעם פינצטערן, ענגן און דערשטיקנדיקן "חדר"; וואַסער האָבן מיר געשעפּט פונעם ברונעם און פון קוואַל; אין די שטאַרקע ווינטערדיקע טעג האָבן מיר זיך געוואָרעמט ביי אויוונס געהייצט מיט שטרוי און טיזיק (בלויז אין די הייזער פון די עשירים האָט מען געהייצט מיט האָלץ!), און אפילו ביי טעפּ מיט האָלעוועשקעס. אין די אַ שטעטלעך האָבן מיר נישט געוווּסט אַז עס איז בכלל בנימצא א קינאָ און טעאַטער; אַ נעבעכדיקער צירק געבראַכט פון מרחקים דורך אַ ציגיינער־קאַפּעליע אָדער אַ "פּיעסע" אויפגעפירט דורך היימישע אַקטיאָרטשיקעס אינעם שטעטל, זענען דאָך געווען אומפּאַר־געסלעכע איבערלעבענישן. דאָרט האָבן מיר זיך געשלעפּט אין אַ פינצטערער פייכטער און קאַלטער באָד, כדי זיך טובל־זיין אין וואַרעם וואַסער פון איין ערב שבת צום אַנדערן, און אויך דעם "פאַרגעניגן" האָבן זיך געקענט דערלויבן בלויז "נגידים" מיט זייערע משפחות. ווער געדענקט נישט ווי מיר פלעגן דיסקוטירן מיט די פאַרשידענע מינים "לינקע" וואָס האָבן פאַרלייקנט דעם ציוניסטישע געדאַנק, אָפּגעשפּאָט פון די חלוצים וואָס גרייטן זיך עולה־זיין קיין ארץ־ישראל, וואָס

האָבן נאַאיוו געגלייבט, אַז נאָר זייער אידעע וועט ברענגען די גאולה אויף דער וועלט און אויסלייזונג פאַרן יידישן פאָלק.

פונדעסטוועגן איז דאָס דאָזיקע קליינע, אָרעמע און גרויע לעבן געוועזן דורכגעדרינגען און דורכגעזאַפּט מיט אַ ספּעציעלן ניגון, אַ ניגון פול מיט מענטשלעך ליכט, אמונה און דביקות אין מענטשלעכע ווערטן, אין לעבנס־ווערטן און טראַדיציע־ווערטן; אַ ניגון וואָס איז פול געוועזן מיט מסירת־נפש, לעבנס־פרייד און אַרבעטס־פרייד. אָט דער ניגון, דאָס דאָזיקע באַהאַלטענע ליכט, איז נישט געוועזן דאָס אייגנטום פון דעם אָדער יענעם שטעטל, נאָר דער חלק און די נחלה פון אַלע יידישע שטעטלעך אינעם בעסאַראַבישן גלות.

אַלע, אַלע ווי איינער, אָרעם און רייך, תלמידי־חכמים און עמי־הארצים, ״זיידענע יידן״ און ״עמך״, האָבן אין דביקות געזונגען און מקיים־געוועזן פאַקטיש דאָס באַקאַנטע פאָלקס־ליד:

״וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער יידן זענען מיר;
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער יידן בלייבן מיר״ — — —

און באמת: אין אָט די געגנטן האָבן געלעבט, געהאָרעוועט און געחלומט גוטע יידן, שלימותדיק אין גוף און גייסט. און אַז עס אָנגעקומען דער גרויסער מוראדיקער אומקום, דאָס אומגליק וואָס האָט חרוב־געמאַכט די שטעטלעך ביזן יסוד, פאַרוויסט זייערע היימען און צענטליקער־צענטליקער טויזנטער זענען אומגעקומען מיט אַלע מיתות משונות, זענען זיי אַלע געשטאָרבן ווי כשרע יידן, זיי זענען געגאַנגען אויף קידוש השם, מיטן ״שמע ישראל״ אויף זייערע ליפּן.

אלה תולדות...

ווען איז דאָמבראָווען געגרינדעט געוואָרן? דער באַקאַנ־טער אַגראָנאָם עקיבא עטינגער (1872—1945), דער מאַן פון וויזיע און טאַט, וואָס האָט געגרינדעט און אָנגעפירט מצד ייק״א (יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט) מיט דער מוסטער־פערמע פאַר יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים אין בעסאַראַביע און פאָדאָליע (אין די יאָרן 1898—1911), שרייבט אין זיין בוך ״מיט יידישע לאַנדווירטן אין די תפוצות״ (1942):

״אין יאָר 1835 האָט די רוסישע ממשלה זיך גענומען גרינדן יידישע קאָלאָניעס אין בעסאַראַביע. עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די תקנות וועגן ״צוציען יידן צו ערד־אַרבעט״. לויט די פאַראָרדענונגען האָבן לאַנד־באַזיצער, וואָס האָבן געהאָלפן אַריבערפירן יידן אויף ערד־אַרבעט דורך פאַרקויפן אָדער נעמען אויף אַרענדע ערד, באַקומען חוץ דעם פרייז פון דער ערד אָדער פאַר דעם אַרענדע־אָפּצאָל וואָס עס האָבן געגעבן די זידלער, אויך מאָנאָפּאָל־רעכט און ערן־טיטולן. נאָכן פאַרעפנטלעכן דאָס דאָזיקע געזעץ זענען אינעם קרייז סאָראָקע און בעלץ געגרינדעט געוואָרן זעקס קאָלאָ־ניעס אויף געקויפטן באָדן — דאָמבראָווען, לובלין, מאַרקולעשט, ווערטוזשען, בריטשעווע, וואַליאַ־לוי־וואַד — — —״ (זייט 80).

דאָמבראָווען איז בכן געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1835 בערך, אין טעג פון בהלה און ווירוואַר און אין דער תקופה

פון די "קאָנטאָניסטן", ווען די רוסישע רעגירונג האָט פאַר־אָרדנט, אַז יידן וואָס וועלן מסכים־זיין צו באַזעצן זיך אין בעסאַראַביע און זיין ערד־אַרבעטער, וועלן באַפרייט־ווערן אויפן גאַנצן לעבן פון מיליטער־דינסט, און אויף אַ צייט פון צען יאָר, וועלן זיי אפילו באַפרייט־ווערן פון שטייערן. יידן האָבן דאָ איינגעקויפט שטיקלעך ערד פאַר גוט געלט ביים ערד־באַזיצער, וועמענס זיץ־אָרט איז געוועזן אין יאַסי. ר׳ מ״מ דאַווידזאָן, אין זיין העפט "בצל האילן" (תש״ה) ז״ז 13—14 איז מעיד: "אין מיינע הענט געפינען זיך אין אָריגינאַל, אין כתב־יד, די תקנות פון דער 'חברה־קדישא' פון דער שטאָט דאָמבראָווען פון יאָר תקצ״ח (1838)". וויבאַלד אין 1838 זענען שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן תקנות פון דער „חברה קדישא", הייסט דאָס, אַז די קאָלאָניע האָט זיך וויניקסטנס געגרינדעט צוויי־דריי יאָר פריער.

ר׳ מ״מ דאַווידזאָן דערציילט ווייטער אינעם דערמאָנטן העפט: "דער זיידע ר׳ מענדעלע ז״ל, וואָס האָט שוין דע־מאָלט געהאַט אַ נישט־קליינע משפחה, פיר זין און אַ טאָכטער, איז אויך צוגעשטאַנען צו די אָפּשטאַמיקע פון מעזשיבוש און מאָהילעוו־פּאָדאָלסק און האָט זיך מיט זיין הויז־געזינד באַ־זעצט אין דער קאָלאָניע ווי אַ קאָלאָניסט, געקויפט אַ שטיקל ערד, וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן דורך זיינע זין אַזוי ווי די אַנדערע יידישע פויערים, און ער אַליין איז געזעסן על התורה ועל העבודה, ווי דער רב פון דער קאָלאָניע, תחילת שלא על מנת לקבל פרס און ערשט אין שנת ת״ר (1840), איז ער אָפיציעל נאָמינירט געוואָרן אַלס ערשטער רב דמתא אין דער קאָלאָניע, און ער האָט געפיטערט זיין עדה טריי און מיט איבערגעגעבנקייט, און איז באַליבט געוואָרן ביי דער גאַנצער עדה אין משך פון איבער פערציק יאָר, ביז

זיין עולה־זיין אין שנת תרמ״ב, אויף זיינע עלטערע יאָרן, אינעם הייליקן לאַנד אַריין״ (דאָרט, דאָרט).

יאָ, עס איז אַ פּיל־באַדייטנדיקער סימבאָל דער עצם פאַקט, וואָס דער ע ר ש ט ע ר רב פון אָט דער קליינער און פאַר־וואָרפענער קאָלאָניע, איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל מיט נײַנציק יאָר צוריק, און איז נפטר־געוואָרן אין ירושלים, אַ יאָר נאָך זיין עליה, כ״ג אדר תרמ״ג (1883).

מיטן לויף פון די יאָרן איז די קאָלאָניע געוואַקסן. חוץ ערד־אַרבעטער זענען צוגעקומען אויך אַביסל קרעמער, סוח־רים און בעלי־מלאכה: שניידערס, שוסטערס, שמידן, פעלצן־מאַכערס, סטאָלערס, פורמאַנעס און בערך אַ מנין פון פרייען באַרוף (דער רב, צוויי שוחטים, דער רופא, אַן אַפּטייקער און עטלעכע לערערס אין דער פאָלקשול). אין יסוד איז אָבער דאָמבראָווען געבליבן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע, פון די ערשטע אין בעסאַראַביע, וועמענס יידן זענען געווען פליי־סיקע ערד־אַרבעטער און מקיים געווען דעם ״מיטן שווייס פון דיין פנים זאָלסטו עסן ברויט״. אויך יענע יידן וואָס האָבן געהאַט אַ סך ערד און פאַרמאָגט סטאַדעס שעפּסן און רינדער, זענען נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט נאָר געאַרבעט און געפּראַצעוועט אין פעלד און אין וויינגאָרטן, אין סעדער און לאַנקעס, פון מאָרגן־פרי ביזן זון־אונטערגאַנג. יעדער מין תבואה און פרוכט וואָס די פעטע בעסאַראַבישע ערד איז געווען מסוגל אַרויסצוגעבן און אַרויסשפּראָצן, איז געווען אין תחום פון זייער באַשעפטיקונג און פאַראינטערעסירונג, אָנהייבנדיק מיט ווייץ און גערשטן, קאָרן און האָבער, קאָשע און קוקורודזע ביז פרוכטן, וויינשטאָקן און טאַבאַק, ירקות, און אפילו האָניג האָבן זיי אַרויסבאַקומען פון זייערע בינ־שטאָקן.

אַ „פּרוזדור" קיין ארץ־ישראל

אויב בעסאַראַביע האָט זוכה־געווען צו זיין אַ מין „פּרוז־דור" קיין ארץ־ישראל („דורך בעסאַראַביע קיין ארץ־ישראל" — איז געווען די לאָזונג), איז דאָס אַדאַנק דער קייט לאַנד־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס פון וועלכע דאַמבראָווען איז געווען איינע און די גרעסטע פון זיי. אַזוי שרייבט דאָך ע ט י נ ג ע ר אין זיין דערמאָנטן בוך: „אין דער קאָלאָניע דאַמברעווען, די גרעסטע פון די קאָלאָניעס אין בעסאַראַביע, מיט אַ ישוב פון 400 משפחות ——— האָט זיך אויסקריס־טאַליזירט אַ טיפּ פון אַ קליינעם לאַנדווירט מיט אַ געמישטער ווירטשאַפט אויף אַ שטח פון 60—80 דונאַם, וואָס האָט באַ־זירט אויף ווייץ און קוקורודזע, אויף אַ גרינס־גאָרטן און טיילמאָל — אויף אַ סאָד מיט פּרוכטן־ביימער, וויינגאָרטן, איין אָדער צוויי מילך־קי אָדער 10—20 שעפּסן אין אַ „בשותפותדיקער" סטאַדע מיט שכנים. אַזאַ אייגנטימער, ער און זיין ווייב, זין און טעכטער, אַלע זענען זיי געווען איינ־געטאָן אינעם באַאַרבעטן זייער נחלה און אויך געאַרבעט ווי פּועלים אין אַנדערע ווירטשאַפטן" (זייט 84).

וועגן דער פליסיקייט פון די פּויערים אין דער קאָלאָניע איז אונדז באַגלייבט די עדות־דערקלערונג פון עטינגער, וואָס שרייבט ווייטער אין זיין דערמאָנטן בוך: „די מענטשן פון דאַמבראָווען האָבן זיך אַנגעהויבן אויסצייכענען ביים קולטיווירן פאַרשידענע מינים באַבעלעך, אַרבעס, אוגערקעס און אַרבוזן. אויף די אויסשטעלונגען איינגעאָרדנט דורך דער

זיעמסטוואָ * אין די קרייז־שטעט, האָבן זיך באַוויזן עקספּאָ־נאַטן פון דימענטשטיין פון דאָמבראָווען, וואָס האָט קולטיווירט זרעים פון פעלד־און גאָרטן־געוויקסן, פון די בעסטע זריעות וואָס זענען פאַר אים באַשטעלט געוואָרן דורך דער באַרימטער זרעים־פירמע אין פּאַריז 'ווילמורען'. דימענטשטיין האָט באַ־קומען גרויסע פּרעמיעס מיט וועלכע ער איז שטאָלץ געווען" (ז"ז 103—104).

דימענטשטיין איז נישט געווען דער איינציקער אין דער קאָלאָניע וואָס האָט באַאַרבעט די ערד, נישט בלויז מיט די הענט נאָר אויך מיטן מוח... די משפחות ווייגבערג (דער איינציקער שריד פון דער משפחה וואָס האָט זוכה־געווען עולה־זיין, איז דער אַגראָנאָם ז א ב כ ר מ י) און קאָרנבליט, ראַבינאָוויטש און אָקסנפעלד, האָכבערג און פוקס, אדג"ל, אַלע האָבן זיי זיך איבערגעגעבן דער לאַנדווירטשאַפט מיט האַרץ און נשמה, מיט התלהבות און איבערגעגעבנקייט, האָבן באַפּעסטיקט און אויסגעשטאַט זייערע ווירטשאַפטן לויט די מאָדערנסטע אַרבעטס־סיסטעמען און אויפן גרונט פון קאָנט־ראָלירטע און אויסגעפּרוווטע וויסנשאַפטלעכע חידושים.

דער דאָרפישער כאַראַקטער פון דאָמבראָווען האָט זיך נישט געענדערט אויך נאָכן יאָר 1918, ווען בעסאַראַביע איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צו רומעניע. ביים אָנקומען אין דער קאָ־לאָניע האָט דעם באַזוכער באַגעגנט אַן אַראָמאַט פון שאַרפע, שטאַרקע ריחות פון הויפנס פּאַשע־גראָזן און שעפּסענע "ברינזע"־קעזן, אַ מעקן פון קי און צוואָלעווען פון פערד, אַ געבילערײ פון הינט און קוואַקערײ פון הינער, אַ קלאַ־פּערײ פון האַמערס און טופּערײ פון וועגענער. דאָס אַלץ

* לאָקאַלע דאָרפישע מאַכט.

האָט זיך צייטנווייז אויסגעמישט מיט האַרץ־באַגנדיקע ניגונים און פאָלקסלידער וואָס האָבן זיך געטראָגן פון איין עק קאָ־לאָניע ביזן צווייטן, און עדות־געזאָגט קליפּ און קלאָר, אַז דאָ איז נישט סתם אַ שטאָט אָדער שטעטל נאָר אַ ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע.

לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע

דאָמבראָוועז, אין דעם שטעטל ווו איך בין געבוירן און דורכגעמאַכט מיינע קינדער־יאָרן, זיין געשיכטע איז קנאַפּ און קורץ בעת זיין געאָגראַפיע — גרויס ווי אַ לעכל פון אַ נאָדל. מיט איבער הונדערט יאָר צוריק איז דאָס שטעטל געגרינדעט געוואָרן און מיטן אָנקומען פונעם גרויסן חורבן איז עס צעשטערט און חרוב־געוואָרן, איז אויסגעלידיקט געוואָרן סיי פון זיינע לעבעדיקע איינוווינער סיי פון זיינע טויטע. אויפן בית־הקברות איז געבליבן בלויז איין מצבה!...

אין דער אמתן — נישט קיין שטעטל און נישט קיין דאָרף נאָר פאָקטיש אַ פערמע, איז דאָס געווען, אַ לאַנדווירטשאַפט־לעכע קאָלאָניע מיט אַן ערך 450 משפחות, אויף אַ מרחק פון 12 ק״מ פון דער קרייז־שטאָט סאָראָקע, די שטאָט פון וויינ־גערטנער, ביי די ברעגעס פונעם דניעסטער, און בערך 18 ק״מ פון דער באַן־סטאַנציע אין מאַרקולעשט. צוויי הויפּט־גאַסן

האָבן דורכגעשפּאָלטן דאָמבראָווען אין דער לענג און ברייט און נאָך אַ דריי—פיר געסלעך האָבן זיך געשלענגלט ביי דער זייט, ספּק סטעזשקעס און ליקלעך, ספק אַרומגעצוימטע הייף, אינדזעלעך אַזעלכע אינמיטן ״גרויסן ים״. די איינציקע הויפּט־גאַס, אַ מין ערשטע פּראָנט־ליניע, האָט זיך געשלענגלט און געדרייט פונעם וועג וואָס פירט צו דער קרייז־שטאָט ביזן ״שליאַך״, אַ געדרייטער וועג וואָס פירט דורך דערפער און דורך דעם געדיכטן וואַלד צו דער באַן־סטאַנציע. בעת די צווייטע הויפּט־גאַס, די שול־גאַס, האָט זיך אָנגעהויבן מיטן בית־הקברות, האָט אַראָפּגענידערט ביזן סאַמע מיטן פון שטעטל און איז איבערגעבראָכן געוואָרן אינמיטן, נאָענט צום ״יאַר״ — אַ לאַנגער און טיפער קאַנאַל, אַן ערך צוויי הונ־דערט פוס די ברייט, אַ לעבעדיקער דענקמאָל פאַר אַ לאַנגער ריי איינגעפאַלענע און פאַרזינקענע הייזער בעת דער מורא־דיקער ערד־ציטערניש, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען מיט אַ יובל יאָרן פריער. יענער חורבן וועגן וועלכן עס האָבן אַרומ־געשוועבט אומצאָליקע לעגענדעס וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון מויל צו אויער, האָט עטלעכע צענטליק הייזער פוןביידע זייטן גאַס פאַרוואַנדלט אין פאַרוויסטע חורבות. לייכט משער צו זיין זיך, אַז דער ״יאַר״ וואָס האָט גענוצט פאַר אַן אַל־געמיינעם מיסטקאַסטן און אָפּפלוס פון אומרייניקייטן האָט אַרום זיך נישט פאַרשפּרייט קיין גוט־שמעקעדיקע ריחות. במילא האָט ער נישט צוגעגעבן פיל צום גוטן נאָמען פונעם שטעטל. אַז אַ וויכטיקער גאַסט איז אָנגעקומען אינעם שטעטל און געוואָלט זיך באַקענען מיטן אָרט, האָט מען אים דעם ״יאַר״ געוויזן בלויז פונדערווייטנס, ער זאָל חלילה נישט באַקומען קיין קאַטאַר... כדי אָבער ער זאָל האָבן אַ פאַר־געניגן האָט מען דעם גאַסט געפירט צו דער ״טאָליקע״ —

אַ גרינער טאָל אַרומגערינגלט מיט פעלדער, גערטנער און לאָנקעס, אַ מין ווייכער אָנגענעמער גראָז־טעפּיך פאַר די איינוווינער פונעם גאַנצן שטעטל וואָס האָט זיך געצויגן פון דער שולע ביזן טייכל, וואָס האָט געשטראָמט צופוסנס דער מיל.

אין די זומערדיקע נעכט, באַזונדערס שבת־צו־נאַכטס, איז די "טאָליקע" פול געווען מיט מענטשן; אַלט און יונג האָבן דאָ פאַרברענגט און גענאָסן פון דער אָפּפרישנדיקער, ריינער, שמעקנדיקער לופט וואָס זיי האָבן טיף אַריינגעאָטעמט אין זיך. בניחותא, מיט הרחבת הדעת און מיט דאָרשט האָט מען איינגעזאַפּט אין זיך דעם שאַרפן ריח פון די גרינע לאָנקעס. די ברייט־צעשפּרייטע, און אין ניגון־פאַרזונקענער "טאָליקע", איז געווען אַ זיכערער מקום־מקלט פאַר פאַרליבטע פּאָרלעך, און אַ סטאַביל אָרט פאַר באַגעגענישן פון די "חדר"־יינגלעך און שול־תלמידים, אַן אָרט פאַר שפּיל, קונדייסישע שפּיצלעך און שטיפערייען. קיין שום רעש און גערודער האָט נישט פאַרשטערט די אַבסאָלוטע שטילקייט, נישט פּוגם־געווען די שלוותדיקע רו. די "טאָליקע" האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַלע סודות און בענקשאַפטן, לעכצענישן און שעפּטשענישן, האָט זיך צוגעהערט צו האָרץ־אַראָפּרעדענישן און וויכוחים, פּאָלי־טישע און אידעאָלאָגישע צוזאַמענשטויסן און פאַרמעסטן, און האָט אויפגענומען זיסע ניגונים און ציטערנדיקע השתפכות־הנפשן פון פאַרחלומטע יוגנטלעכע. און אַז איר האָט דאָרט, אינעם שאָטן פון איינעם פון דיביימער, געזען אין דער דעמערונג־שטילקייט עמיצן ליגן אויסגעצויגן איבערן וואָ־רעמען גראָז, אינגאַנצן פאַרזונקען אין לייענען, האָט איר געוווסט, אַז נישט בלויז וואָס ער לייענט נאָר ער לעבט איבער, ער אָטעמט אַריין אין זיך, ער גלייבט באמונה שלימה אין

יעדן בילד, געשעעניש און שילדערונג אינעם בוך. אז ער איז מיד געוואָרן פונעם לייענען אינעם ליכט פון דער שקיעה, האָט ער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַרויף און זיך צוגעהערט צום פייגל־געזאַנג, צום מרוקען פון די זיך פאַשנדיקע קי אויף דער לאָנקע און צום קוואַקעריי פון די זשאַבעס אינעם שכנותדיקן טייכל; האָט לאַנג געקוקט אינעם פאַרדרימלטן האָריזאָנט, אויף די קאָליריקע פעלדער און פאַשע־שטחים מיט די סטאַ־דעס שאָף אַרומגעקרוינט מיט ווייַנגערטנער און סעדער, וועלדער און פיל שטעטלעך און דערפער, אַ "ים פון גויים"...

אַ ספּעציעלער חן איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבערן שטעטל אין די הייסע, זומערדיקע פאַרנאַכטן און שטילע אָוונט־שעהן, ווען עס איז קילער געוואָרן. די סטאַדעס זענען צוריקגעקומען פון דער פאַשע און די מענטשן, מיד פון דער טאָג־פּראַצע, האָבן זיך אויסגעזעצט אין די אָפענע וועראַנ־דעס און איבער די פון אַלטקייט־צעבראָכענע הילצערנע בענק. אַנדערע האָבן שפּאַצירט אין גאַס מיט די צעפּאַטלטע ארבע־כנפות אינעם בלאָזנדיקן ווינט. די גאַנצע לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט ריחות פון פאַשע־גראָזן און מיסט, מיט פרייד פון אַרבעט און געזאַנג פון אַן אַרבעטס־לעבן. אַ רעש פון וועגעלעך אָנגעלאָדען מיט סנאָפּעס תבואה און אויסגעט־טריקנט היי, דאָס מעקן פון בייכיקע, ברוסטיקע קי, דאָס בלעקן פון די צעשטיפּטע קעלבלעך, דאָס הירזשען פון די פערד און האָצקען פון די געשיקטע לאָשיקלעך, דאָס האָוקען פון די שטאַרקע שאַרפצונגיקע הינט, דאָס קוואָקן פון די הינער און דאָס צוויטשערן פון די כאָפּטעס פייגל, האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט אומעטיקע קלאַנגען וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די פאַסטעך־פייפלעך. דאָס ריטשען פון "גויים" און דאָס הויכע ווילדע געלעכטער פון געזונטע שיקסעס,

באַלייביקטע, פאַרברוינטע, מיט באַקעטע הענט און פיס, וואָס זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט אין זייערע באַענטע דערפער, מיט די אַרבעטס־כלים אין די הענט און רוקזעק אויף די פּלייצעס, האָט זיך געהערט פונדערווייטנס, פון מרחקים — ווי אַ לאַנגגעדויערנדיקע האַרץ־פאַנגענדיקע מע־לאָדיע. באַלעבאָסטעס האָבן געגרייט דעם טיש מיט גערו־דער און טומל, געגרייט די "וועטשערע", די איינציקע מאָל־צייט וואָס איז געגעסן געוואָרן צוזאַמען, אָבער נישט די איינציקע סעודה וואָס איז געגעסן געוואָרן מיט אַפּעטיט, מיט לוסט אין די אויגן און מיט אַ שמאַטשקעריי. די יונגע, נאָכן אָפּוואַשן זיך מיטן קאַלטן וואַסער פונעם ברונעם און געשמאַקן "אַריינרייבן" אַ סעודה, זענען אַרויס גרופּנווייז אין די גאָרטנס און ווײַנשטאָקן, איבער דער "טאַליקע" און איבער אַלע ווינקעלעך פון שול־גאָרטן. אַנדערע זענען אַוועק איבער די שמאָלע סטעזשקעס וואָס שניידן דורך פעלדער און שלענגלען זיך צווישן וואַלד־ביימער און דערפער; זיי זענען דערגאַנגען ביז מרחקים, ווו אַ בלווילעכער נעפּל איז געהאַנגען איבערן סטעפּ איינגעהילט אין שטילקייט און אין אַ רויטקייט, וואָס צינדט זיך אינעם גאָלד פון שווער־באַלאַדענע, אָנגעשטופּטע מיט זאַנגען, ווייץ־פעלדער.

דער צענטער פאַר אַט די שפּאַצירן איז אָבער געווען דער שול־גאָרטן — אַ "גן־עדן התחתון" פאַרן גאַנצן שטעטל, סיי אַ שטאָטישער גאָרטן סיי אַ פאַרוויילונגס־גאָרטן, גרויס און ברייט, מוסטערהאַפט געציכטלערט. יעדער וואָס איז אַריין אין אַט דעם גאָרטן פון דער שולע האָט געפילט אַז די ביי־מער, געננוי ווי די שטיינער וואָס יעקב אבינו האָט געלייגט צוקאָפּנס, קריגן זיך צווישן זיך, לייגן פאַר זייער שאָטן און זייערע פּירות, קערנדיקע דערקוויקנדיקע פרוכטן פון אַלע

מינים: גרויסע, גרינלעכע עפּל ווי אַ פויסט די גרויס; זאַפ־
טיקע און זיסע באַרנעס וואָס טריפן מיט האָניג און זאַפט,
וואָס שפּריצט אַרויס באַלד ביים ערשטן ביס; שוואַרצע, געלב־
לעכע און רויטלעכע פלוימען; פערסיקעס מיט אַ ברוינלעכער
הויט מיטן ריח פון אַפריקאַסן; זיסע געשמאַקע ערד־יאַגדעס,
וועמענס אמתדיקן טעם האָט מען דערפילט באַזונדערס ביים
עסן דאָס גלייך ביים אָפּרייסן פון די קוסטעס, מיט אָדער אָן
אַ דערלויבעניש, און איבער אַלעם — דער שאַרפער פאַר־
שיכורנדיקער ריח פון די ניס־ביימער, אַ ריח וואָס איז אַריינ־
געדרונגען אין אַלע איברים, געררייצט דעם אַפעטיט, גע־
שטאַרקט דעם דאָרשט. דער גאָרטן פון דער שולע און דער
״יאַר״ זענען געווען צוויי זייטן פון דער מטבע פונעם
שטעטל, סימבאָלן וואָס האָבן מרמז־געווען אויף זיין כאַראַק־
טער: דער ״יאַר״ — דער סימבאָל פון מיאוסקייט און אַלץ
וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, בעת דער גאָרטן פון דער שולע,
מיטן כישוף פון זיין בליונג געגנוי ווי מיטן אומעט פון זיין
בלעטער־פאַל, מיטן שפע פון זיינע רייפע און שווערע אַראָפּ־
שווערנדיקע פרוכטן ווי מיטן חן פון זיין פאַרפירערישקייט,
האָט סימבאָליזירט די דביקות אין מי און דעם גלויבן אין
דער ברכה פון דער ערד.

אַ שטעטל וואָס איז כמעט אינגאַנצן געווען באַוווינט מיט
יידן איז געווען דאָמבראָווע, אָבער בלויז ביים ראַנד פון
דער ״טאָליקע״ און אינעם ווינקל פון דער שוסטער־גאַס, אין
אָרעמע, נעבעכדיקע הייזקעס, האָבן געוווינט עטלעכע גויים,
אַ טייל פון זיי שומרים פון די סעדער, וויינגאָרטנס און פעל־
דער; זיי האָבן עוסק געווען אין היימישע הויז־און פעלד־
אַרבעטן, אַ טייל געווען האָלצהעקער און וואַסער־שעפּער, בעת
אַלע ווי איינער זענען געווען ״שבת־גויים״! פאַר אַ פרומהדיקן

לוין, פאַר אַ שטיקל ווייסע חלה, אָדער אַ גלאָז טיי, האָבן זיי שבת איינגעהייצט די אויוונס, אַראָפּגענומען די קופּערנע לייכטערס פון די טישן און געמאָלקן די קי. זומער אויך געברענגט קאַלט וואַסער פונעם ברונעם — כדי צו דער־קוויקן דאָס האַרץ נאָכן זיסן נאָכמיטאָג־שלאָף. ווי עבדים נרצעים זענען די אַלע גויים געווען פאַר די יידן אינעם שטעטל; געאַרבעט און באַדינט מיט איבערגעגעבנקייט און הכנעה, פאַרשטאַנען יידיש און געווען בקיא אין אַלע יידישע יום־טובים. אַלע האָבן זיי אָבער געוווּסט, אַז זיי זענען טרייע שליחים פון זייערע מאַסן ברידער אין די דערפער פון דער געגנט, גויים וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ פחד און מורא און תמיד געווען אַ וואָרענונג, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז נישט מער ווי אַ קליין, אָרעם און שוואַך אינדזעלע אין אַ צע־שטורעמטן, ברויזנדיקן ים . . .

דאַמבראָווען, איינע פון די שטעטלעך אין דער געבענטש־טער, פרוכטבאַרער בעסאַראַביע וואָס האָט געהאַט אַ שם אין מרחקים ווי אַ מוסטערהאַפטע דאָרפישע קאָלאָניע, זיינע יידן — ווי דער רוב בעסאַראַבער יידן — זענען געווען ברייט־פּלייציקע מיט געזונטע, פאַרברוינטע פּנימער, פול מיט ענערגיע און לעבנס־פרייד. פּראָסטע יידן, וואַרעם־האַרציקע און אָפנהאַרציקע, וואָס האָבן געלעבט פון דער ערד און פון אייגענער אַרבעט און דערביי מיט זייער גאַנצער נשמה און וועזן געווען פאַרבונדן מיט תורת ישראל און יידישע מינ־הגים. די מענער האָבן געאַקערט און געזייעט, געשניטן און מיט געזאַנג איינגעזאַמלט די בינטלעך תבואה אין זייערע שייערן, געדראָשן און געגאַרבט, געריסן טרויבן און געטראָטן ווייַן, איינגעזאַמלט ירקות פון די גאָרטנס און געבויט שפּייכ־לערס און אַמבאַרן, געגראָבן קעלערס און געגרייט ברענעכטס

אויף ווינטער. אויך די ווייבער האָבן געגעבן זייער חלק — געבאַקן, געקאָכט און געוואַשן, געמאָלקן די קי און ציגן, געפּאָרעט זיך אין די הינערשטייגן, געהייצט די אויוונס מיט שטרוי און קובעבע, און דערביי געבוירן קינדער, דערצויגן יינגלעך און מיידלעך — געזונטע, פרייליכע, בלויאויגיקע, קלאָראויגיקע. די קינדער, שוין אין יונגן עלטער האָבן גע־האָלפן אין יעדער אַרבעט און מלאכה, אין שטוב און אין פעלד, הגם פון דער פליכט אין חדר און שולע זענען זיי נישט געווען פטור, ווייניקסטנס ביזן בר־מצווה־עלטער.

דאָס שטעטל איז געגרינדעט געוואָרן דורך יידן וואָס האָבן געוואָלט שלאָגן וואָרצלען אין דער פרוכטבאַרער שוואַרצערד, געוואָלט זיין פויערים, פויערים לכל דבר אָבער "פויערים אין טלית און תפילין". אַז עס האָט זיך פאַרוואָלגערט אַהער אַ מלמד פון די שטעטלעך פון ליטע און פוילן, אַ נידעריקער, אַ שוואַכער און פאַרמאַטערטער, וואָס איז אַראָפּ־געבראַכט געוואָרן כדי דאָ מרביץ־זיין תורה, האָט ער אויס־געזען ווי אַ פרעמדע "פלאַנץ", אַ פרעמד געוויקס צווישן די דאָזיקע מגושמדיקע יידן וועגן וועלכע מען פלעגט זיך וויצ־לען אַז עסן עסן זיי מער ווי אַ "ביצה" אָבער תורה פאַר־מאָגן זיי ווייניקער ווי אַ "כזית". ליצנים פונעם שטעטל פלעגן דערציילן אַ מעשה מיט איינעם אַ ייד, וואָס איז געבעך קראַנק געוואָרן און מ'האָט צו אים אַרויסגערופן אַ רופא. "די בעסטע רפואה איז, איר זאָלט זיך אויסשוויצן" — האָט געזאָגט דער רופא. האָט דער חולה געבעטן אַ שטיקל פּאַפּיר מיט בלייפעדער, אָנגענומען זיך מיט כוח צו חתמענען זיין נאָמען — און עס איז אים באַלד בעסער געוואָרן...

דער רוב יידן זענען נישט געווען קיין אויסגעוואָרצלטע, נישט עוסק־געווען אין לופט־פרנסות. דאָך האָבן זיי געפילט

דעם ביטערן טעם פון פּרנסה, וואָס איז שווער ווי קריעת ים־סוף. געוועזן אַזעלכע וואָס האָבן זיך געשלעפּט מיט זייערע פּיס און פאַרשוואַרצט זייערע פּנימער אויף יאַרידן און מערק אין ווייטע דערפער, כדי אַהיימצוברענגען פּרנסה. די אויס־געשפּראָכענע אָרעמעלייט וואָס האָבן געוווינט אין די פאַר־וואָרפענע געסעלעך און קוואַרטאַלן פונעם טאָל, האָבן זיך מפרנס־געווען בצימצום, קוים־קוים אַרויסבאַקומען חיונה, און זייער גאַנץ פאַרמעגן איז געווען אַ קליין הייזל וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן, אַן אָרעם גרינסגאָרטן, אַ ציג און אַ פערד מיט אַ "שאַרבאַן", אַ פּשוט וועגעלע; זיי האָבן אָבער פאַרפאַכטעט שטיקלעך ערד און בייטן גרינס ביי יידן און נישט־יידן, זיי באַאַרבעט און באַקומען אַ העלפט אָדער אַ דריטהלק פון דער גערעטעניש. עס האָט אויך נישט געפעלט אַביסל קליינע סוחרים, קרעמערס און באַלמעלאָכעס; זיי זענען אָבער בטל בשישים געוואָרן אינעם פיל־קאַליריקן כלל פון ערד־אַרבעטער און ערד־ליבהאָבער, וועמענס הייזער האָבן געראַיעט מיט לעבן און גערודער, געהאַט דעם אויסזען פון רוישנדיקע בינשטאָקן, אַזוי פון די פריע מאָרגן־שעהן ביזן צופאַלן פון דער נאַכט. ווען די גערעטעניש איז געווען אַ גוטע, האָט געהערשט שמחה אין הויז און מ'האָט זיך דער־לויבט כל המינים "לוקסוסן", ווי אַ ניי, לייטיש בגד און אפילו אַ פוטער פאַר דער אונטערוואַקסנדיקער טאָכטער; מ'האָט רעמאָנטירט דאָס הויז, געקויפט מעבל און נייע כלים, און דאָס גלייכן. אָבער אויך אין אַ יאָר פון טריקעניש האָט מען נישט געליטן פון שרעקלעכן הונגער און בויט. אַביסל קוקורודזע־מעל אויף מאַמעליגע און קאַרטאָפל האָט זיך גע־פונען צו יעדער צייט — אויב נישט אין די שפּייכלערס פון די אָרעמעלייט פון שטאָט, איז אין די שייערס און קעלערס

פון די עשירים. זיי האָבן געהאָלפן און געשטיצט, ווי עס פּאַסט פאַר יידן, "רחמנים בני רחמנים".

אַ קליין שטעטל אָבער ווי אָרגאַניזירט און געאָרדנט איז געווען דאָס קהילה־לעבן, הגם אויפן פּרימיטיוון אופן; מיט וויפל אויסדויער און מוט האָבן די פּראָסטע אַרבעטס־יידן געטראָגן דעם עול פון קיום און דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף. אַ קליינע, אָרעמע עדה וואָס האָט פאַרמאָגט פינף בתי־כנסת, אַ רב, צוויי שוחטים, חדרים, אַ תלמוד־תורה פאַר אָרעמע קינדער, אַן עזרת חולים, אַ ליי־קאַסע, אַ שטאָטישע ביב־ליאָטעק (איינער פון אירע גרינדערס איז געווען ר' מ"מ דאַווידזאָן), אַ בית־מרחץ, חברה־קדישא, אדג"ל. אַלץ פאַר די געלטער און אויפן חשבון פון דער פרייוויליקייט פון די יידן אינעם שטעטל. אַ קליין שטעטל אָבער וויפל וואַרעמקייט און איבערגעגעבנקייט, אהבת ישראל און אהבת ציון, ברו־דערלעכקייט און חברשאַפט, האָט דאָ געהערשט — טראָץ אַלע מינים רייבונגען, שכנים־קאָנפליקטן, און מיינונגס־"קאַמפן", קאָנקורענץ און נישט־פאַרגינערישקייט. די בעסטע זין זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורכן קאָמוניזם — וואָס האָט זיין נעסט געהאַט אין דער "קולטור־ליגע", וואָס איז געווען אַ ברייט קאַמפּספעלד פאַר די אַנהענגער פון יידיש — פון דעסטוועגן זענען יידן פונעם שטעטל צעשפּרייט איבערן רוב שטעט, דערפער און מושבות אין ישראל, און פאַראַן אין לאַנד אויך אַזעלכע וואָס זיי איז אויסגעקומען דאָרט צו לעבן בלויז אַ קורצע צייט,ביים אַנטלויפן פון די שוידערלעכע פּאָגראָמען אין אוקראַינע, בעתן ערשטן וועלטקריג. אין נאַכט־פינצטערניש, אין נעכט פון שאַרפער, שטאַרקער קעלט, ווען די וואַסערן אינעם דניעסטר זענען פאַרפרוירן, האָבן מאַסן יידן געשוואַרצט די גרענעץ, און נאָך לאַנגע טלטולים אַנ־

געקומען אינעם שטעטל, צעשראָקענע און הונגעריקע, דאָרש־טיקע און פרירנדיקע פון דער קעלט. ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט אַז "יידן זענען געקומען", האָבן זיך ברייט גע־עפנט די טירן פון יעדן הויז פאַר די אַנטרינענע פון דער שווערד און פון פּאָגראָם, פאַר די פאַרחושכטע, איינגעגאַרבטע, צעמישטע יידן וואָס האָבן באַקומען אַ וואַרעם געלעגער און געשמאַק אָפּצועסן. כדי זיי צו מאַכן פאַרגעסן דעם צער און פּיין זענען די גאַסטגעבער אַרויס אין געזאַנג. ענטוזיאַסטישע פאָלקסלידער האָבן זיך געהערט איבער די שמאָלע און פאַר־טונקעלע געסלעך. קינדער וואָס האָבן געלעבט אין ענגשאַפט אין איין צימערל, טיילמאָל אויך געשלאָפן אין איין בעט, האָבן זיך איינגענורעט ווי צעשראָקענע שאָף, געוואָרפן בלאַנדזשענדיקע בליקן אַרום, באַטראַכט וואָס עס קומט פאַר אַרום זיי, מיט אויגן פול מיט מיטגעפיל און רחמנות, און אויפגענומען די פּליטים־קינדער ווי ברידער און שוועסטער, זיך געטיילט מיט זייער ברויט און שפּילצייג. אין זייער יונג האַרץ האָבן זיך איינגעקריצט ווערטער און אָפּגעריסענע זאַצן פון אומפאַרשטענדלעכע, אומקלאָרע שמועסן: "פּליטים", "פּאָגראָם", "גלות"...

איינטאָניק לעבן

גרוי, איינטאָניק, סטאַגנירט איז געווען דאָס לעבן אינעם שטעטל. גרויס איז געווען די פּוסטקייט, די איינזאַמקייט און די טיפע שטילקייט אין די קורצע שטורעמדיקע ווינטער־טעג און די לאַנגע טרויעריקע ווינטער־נעכט, ווען אינדרויסן בוי־שעוועט אַ שניי־שטורעם, אַ זאַוויערוכע, אָדער עס פּאַלט אַ שטורמדיקער גאָס־רעגן. אין אַזעלכע טעג, ווען דער בייזער ווינטער באַהערשט אַלץ אַרום, אַז אפילו קיין הונט איז נישט צו זעען אין גאַס און די קרעמערס אין מאַרק פאַרלעשן די קוילן אין די פייער־טעפּ, שליסן די געשעפטן און פאַר־מאַכן זיך אין זייערע שטיבער, דעמאָלט שטאַרקט זיך די פּאַריתומטקייט, דער תושך, און דאָס גאַנצע שטעטל זעט אויס ווי מוראדיק־אָפּשרעקנדיקער מדבר. טיילמאָל ווערט די שטילקייט איבערגעריסן דורך די גלעקלעך אויפן האַלדז פון די פערד פון משה׳לע באַלעגאָלע, וואָס האָט פאַרשפּע־טיקט צוריקצוקומען פון דער קרייז־שטאָט מיט עטלעכע פּאַסאַזשירן, נאָך לאַנגע טלטולים און בלאָנדזשעענישן. זיי לאָזן הערן אַ לאַנג אומעטיק קלינגען, וואָס טראָגט זיך פון איין עק שטעטל ביזן אַנדערן. זיי זאָגן אָן אַז דאָ וווינען פאַרט מענטשן, לעבעדיקע מענטשן זענען אין די הייזער. ״משה׳לע, משה׳לע״ — הערט זיך דאָ און דאָרט דאָס קול פון איינעם וואָס וואַגט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ דורך אַ האַלב־צעעפנטער טיר, פון וואַנען עס שיינט אַרויס אַ קליין בלאָס ליכט אויף דער פינצטערער גאָס אַרויס. ״האָסט אפשר אַ קוויטאַלע ?״ — די כוונה איז אַ בריוול פון זון אָדער טאָכטער

וואָס לערנען אין דער גימנאַזיע, דאָרט אין דער קרייזשטאָט. דער גוטמוטיקער אָבער מידער פון שווערן וועג משה׳לע, ענטפערט רואיק און געלאַסן, ווי זיין שטייגער מיט אַ ניגון און גראַם: ״פאַראַן, פאַראַן אַ בריוו, פאַראַן, דאָס וועט אייך נישט קאָסטן טייער, צינדט בלויז אין אויוון דאָס פייער, שטעלט אַ גלעזל משקה נישט קיין מים, וועלן מיר טרינקען אַ לחיים!״. משה׳לע גיט אַ שמיץ זיינע מאָגערע פערדלעך (״ביי מיר זענען זיי נאָך אַלץ מער מפונק ווי איך ביי מיין ווייב״, פלעגט ער זאָגן) און פאַרשווינדט אין דער פינצטער־ניש. ווידער הערשט אַ טויטע שטילקייט. זי ווערט בלויז דאָ און דאָרט איבערגעריסן דורך אַ האַווקען פון אַ הונט, מעקען פון אַ קו אָדער הירזשען פון אַ פערד, באַשעפענישן וואָס זוכן שוץ פאַר דער נאַסקייט און קעלט.

ווער זענען געוועזן די פּאַסאַזשירן וואָס האָבן איינגעשטעלט און אַרויס אין וועג אין אַזאַ ווינטער־טאָג פון ווינט, רעגן און שנייאיקער קעלט, ווען די וועלט האַלט ביים איבער־קערן זיך ? — דאָס איז עמיצער, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אינעם שטאָטישן געריכט אין ענינים פון באַדן־גוט; אַ כלה־מיידל וואָס האָט שוין באַשטימט דעם טאָג פון דער חופה און האַלט ווי אַן אבן־טוב אין איר האַנט דעם ניי־גענייטן ווינטער־מאַנטל לויט שטאָטישן געשמאַק, וואָס מ׳האָט געלאָזט נייען ביים שניידער אין דער קרייזשטאָט; אַ גימנאַזיסט וואָס איז געקומען פאַרברענגען אין טאַטנס הויז די ניי־יאָר־פעריעס, און עפּעס אַ וואַנדערנדיקער אָרעמאַן, אַ ספק נישרף וואָס גייט איבער די הייזער, אַ ספק שדכן. איינ־געהילט און איינגענורעט אין אַ לאַנגן פעלץ זיצט דער גימנאַזיסט אינעם וואָגן, קוקט זיך אַרום איבער די אויס־געליידיקטע גאַסן און אַלטע נידעריקע הייזלעך מיט די קרומע

דעכלעך וואָס זעען אויס אין חושך פון דער נאַכט ווי פאַר־לאָשענע לאַמטערנעס. ער טראַכט זיך: "אַט צום דאָזיקן פאַרוואָרפענעם און פאַרלאָזטן העק, האָב איך דאָס אַזוי שטאַרק געבענקט?". טיף אין האַרצן פילט ער אָבער די פרייד, דאָס ליכט, וואָס זיין קומען וועט אַריינברענגען אין הויז פון זיין משפחה.

פאַרוויילונג

קנאַפּ און אָרעם זענען געווען די געשעענישן וואָס האָבן דאָס שטעטל אַרויסגענומען, ווייניקסטנס אויף אַ שטיקל צייט, פון זיין איינזאַמקייט און צעשפּרייט די וואָלקנס פון אָרעמ־קייט און פּוסטקייט. און די שמחות? — היימישע, קליינע, אינערלעכע, כמעט אינטימע — אַ חתונה, אַ ברית, אַן אורח מעבר לים, אַ שליח פון ארץ־ישראל, אדג״ל. געווען צייטן ווען אויך דאָס באַווייזן זיך פון אַן אויטאָ אָדער אויטאָבוס האָט אויפגערודערט די געמיטער, האָט גורם געווען אַז אַלע, לאַוו דווקא קינדער, זאָלן לויפן קוקן, און דאָס איז געוואָרן דאָס געשפּרעך פון טאָג. אַ וואַנדער־קאַפּעליע אָדער פּרי־מיטיוועך צירק וואָס איז אָנגעקומען אינעם שטעטל, איז געווען אַ זעלטן געשעעניש; די באַוועגונג האָט זיך דעמאָלט געשטאַרקט, דאָס גרייטן זיך צו דעם אָוונט פון דער פאַר־

שטעלונג איז געווען גרויס. אַ סך טעג שפּעטער האָט מען נאָך איבערגעחזרט און איינגעזונגען די רעפּליקעס און האַרצ־ברעכנדיקע קופּלעטן פון אָט די "קאָמעדיאַנטן" — אַזוי האָט מען גערופן אַלע מינים אַקטיאָרן און שפּילערס. אויב די פאָרשטעלונג גופא, אין אַן ענגן, פינצטערן און שטיקענדיקן זאַל, דער איינציקער אינעם שטעטל פאַר אַזעלכע צילן — איז געווען אַ זעלטנקייט, איז די באַגעגעניש מיט די אַקטיאָרן געווען אַן אומפאַרגעסלעך געשעעניש. דער אַ צוגאָב צו דער פאָרשטעלונג איז נישט פאָרגעקומען אין אַ זאַל, אַ זאַל וואָס איז פאַקטיש געווען אַ ספק שפּייכלער, אַמבאַר אָדער שטאַל, צוליב אַ פּשוטן טעם: די אייגנטימער פונעם "זאַל", דער קייסער און די קייסערינע (זייער פאַמיליען־נאָמען איז געווען קייסער!), האָבן געשטעלט אַ בפירושן תנאַי צו באַפרייען דאָס אָרט ביז האַלבער נאַכט, כדי נישט צו שטערן זייער שלאָף. דער "צושפּיל" איז דעריבער פאָרגעקומען אינעם הויז פון רופא אָדער אַפּטייקער, מיט דער באַטייליקונג בלויז פון דער "אינ־טעליגענץ": דער רופא, דער אַפּטייקער, האַלבער מנין לערערס און סטודענטן, עטלעכע משכילים אין שפּיץ מיט יאַנקל בודמאַן — אַן ענטוזיאַסט פול מיט הומאָר און עספּרי, קענער און ליבהאָבער פון בוך; אַ הויכער, אַ בעל־גוף וואָס איז מיט רעכט באַטראַכט געוואָרן אַלס טרייער פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ אינעם שטעטל, כאָטש ביי דעם אַלעם האָט ער נישט געפונען קיין בעסערע פּרנסה ווי צו זיין אַ באַלעגאָלע, און דאָס פאַך איז אים נישט געלונגען צו בייטן. ער פלעגט זאָגן: "זעט ווי גוט איז צו האָבן צו טאָן מיט פערד. ווען זיי וואָלטן מיר, חס ושלום, צוריקגעגעבן די אַלע קלעפּ און שמיץ וואָס איך גיב זיי, וואָלט איך שוין לאַנג נישט געהאַט קיין איין גאַנצן איבר". נאָך איידער ער האָט

פאַרענדיקט דאָס זאָגן, איז ער אַרויס אין אַ הויך גוטמוטיק געלעכטער, ווינקענדיק צו די צוהערער מיט זיינע שמייכלענדיקע, שפּאַטישע אויגן, אַנטפּלעקנדיק דערביי זיינע ווייסע ציין.

די הוליאַנקע נאָך דער פאַרשטעלונג האָט טיילמאָל געדויערט ביז אינדערפרי — מיט פּרעסן און זויפן כדת וכדין, און נישט דווקא מיט טרינקען טיי פונעם סאַמאָוואַר אַליין. יאַנקל בודמאַן פלעגט זאָגן: "וואָסער — טרינקען בהמות אָבער מענטשן טרינקען ווײַן אָדער ווייניקסטנס 'וואָדקאַ' ". דאָס עסן און טרינקען איז געווען אַ נעבן־זאַך. דער עיקר איז געווען — דאָס אַרומשמועסן און אַרומרעדן "דברים העומדים ברומו של עולם", און — דאָס געזאַנג. רוסישע ראָמאַנסן און יידישע פאָלקסלידער האָבן אָנגעפולט דעם חלל פון הויז, לידער פול מיט אומעט און דורכגענומען מיט בענקשאַפט וואָס האָבן געהאַט סיי דעם חן פון דער "טאָליקע" סיי דעם ריח פונעם סטעפּ און זיסקייט פונעם קילנדיקן און דערקוויקנדיקן וואַסער פונעם ברונעם אין הויף פון דער אַפּטייק... ומשנכנס יין — האָבן זיך אויך געהערט "דוינעס" און פלאַמיקע חסידישע ניגונים, געזונגען מיט התלהבות, און זיי האָבן זיך אָפט אויסגעמישט און צוזאַמענגעגאָסן מיטן אָפּקלאַנג פון די ותיקין־מתפללים אינעם שכנותדיקן בית־כנסת. די באַלעבאַטים וואָס זענען אויפגעשטאַנען פרי פון שלאָף, ווער צו עבודת־הבורא און ווער צו זיין טעגלעכער אַרבעט, האָבן בייז געקוקט אויף דער מאָדנער חברה ליידיקגייער און אָפּגעפּסקנט: "בטלנים!".

טעאַטער־לייט און זייער זעלטן אויך אַ שרייבער וואָס איז צופעליק דאָ אָנגעקומען, ווי דער משלים־שרייבער אליעזר שטיינבאַרג, דער דיכטער איציק מאַנגער און אַנדערע, האָבן

געבראַכט אַ גרוס פון דער גרויסער וועלט — ווייט פון די חושכדיקע, לאַנגווייליקע שטעטלעך. די אינטעליגענץ אין שטעטל האָט פאַר די געסט זיך אַראָפּגערעדט פון הארץ, געקלאָגט זיך אויף זייער איינזאַמקייט און אומעטיקייט, נישט באַפרידיקטע חלומות און בענקשאַפטן און דערביי פאַרגעשטעלט פאַר זיי די ספּעציפישע געשטאַלטן פון אָרט, וואָס האָבן געדינט ווי אַן אָביעקט פאַר שפּאָט, צוליב זייער תמימות און פּראָסטקייט, עם־ארצות און גבורה.

פּראָסטע יידן

און באמת — ווי פיל זענען געווען די געשטאַלטן און טיפּן, יעדער איינער אַ וועלט פאַר זיך. אָט למשל דער "גרויסער יאַנקל", אַ הויכער, מאַסיווער בעל־גוף. וועגן אים האָט מען דערציילט, אַז יעדעס מאָל, ווען עס איז אים אויסגעקומען צו זיין אין איינע פון די בעסאַראַבער קרעטשמעס, פלעגט ער אַריין אין קוך צו דער באַלעבאָסטע און זאָגן:

"מומעשי טייערע, גיט נאָר אַ קוק אויף מיר און לויט דעם קאָכט אָפּ אַ וועטשערע!".

אָדער, למשל, דודל באַלשעוויק — ווער האָט אים נישט געקענט? זיין מעכטיק זיכער קול, זיינע שטאַרקע הענט און פויסטן, האָבן געהאַט אַ שם־דבר אין דער גאַנצער געגנט און

אַנגעוואָרפן אַ פּחד און אימה אויף יידן און גויים. ווי אַזוי ער איז "נתגלה"-געוואָרן מיט זיין גאַנצן כוח און גבורה־רום ? — מעשה שהיה כך היה :

אין איינעם אַ טאָג איז דודל צוריקגעקומען מיט זיין "שאַראבאַן" פונעם "יאַריד" אין אַ שכנותדיק שטעטל, און אין קעשענע אַן "אַפּותיקו" וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין קו, די "פּרה אדומה", וואָס זיין ווייב האָט אים אַנגעזאָגט צו פאַרקויפן פאַר יעדן פּרייז, ווייל זי האָט שוין עטלעכע מאָל געמפלט. וואָרעם מען דאַרף וויסן, אַז דער גיבור וואָס האָט אויף אַלעמען אַנגעוואָרפן אַ פּחד, ווי נאָר ער איז איבערגעטראָטן די שוועל פון זיין הויז, איז ער געוואָרן געהאָרכזאַם ווי אַ קליין קינד, באַלד ביים דערזען זיין ווייב, אַ יפת תואר, אַ שיינע און געלאָסענע, אַ דאָרפישע מויד, דערצו אַ קלוגע, פליסיקע, מיט צוויי שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. זיצט זיך אַזוי דודל אין זיין "שאַראַבאַן", זינגט זיך אונטער ווי זיין שטייגער אַ "דוינע" וואָס ער קען בעסער ווי דעם כל־נדרי־ניגון, און גיט זיך איבער אין די הענט פון זיין טריי פערדל "וואַסקא", וואָס קען דעם וועג מער ווי ער, דודל, קען להבדיל אלף הבדלות — "אשרי". כאָטש עס איז שוין פאַרנאַכט און דער וועג איז ליידיק פון מענטשן און וואָגנס, איילט ער נישט צו זיין פערדל. ער קימערט זיך אויך נישט וועגן דאַווענען "מעריב", ווייל אויסער שבת און יום־טוב קומט ער אַפילו נישט אין שול אַריין. "תפילין", זאָגט ער "איז אַ צו קאָמפּליצירטע זאַך פאַר מיר, און אַז מען דאַרף שוין דאַווענען 'מעריב' טו איך דאָס מיט מיין 'וואַסקא', גיב אים צו עסן, פּאָיע אים אָן און זאָג אים אַ גוטע נאַכט".

מיטאַמאָל, פאַרבייפאַרנדיק דעם וואַלד, קומען אים פּלוצים אַנטקעגן פון צווישן די ביימער צוויי פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען

מיט פאַרשטעלטע פּנימער און אין די הענט — לאַנגע, גרויסע, דיקע שטעקנס פון דעמבענעם האָלץ. זיי פאַרהאַלטן דעם וואָגן און זאָגן אים, ער זאָל מוחל־זיין אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט ביי זיך. וואָלטן זיי נישט אָנגעכאַפּט דאָס פערד ביי ביידע זייטן געשפּאַן, וואָלט ער אפשר באַוויזן צו מאַכן אַ גאַלאָפּ און אַרויסשטעקן זיי אַ צונג, ווי דאָס האָט נישט איינמאָל שוין פּאַסירט. אַזוי אָבער ווי זיי זענען אים געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז, האָט ער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי צו פאָלגן. ער האָט נאָכגעלאָזט די לייצעס, געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ פאַרלאָרענעם, הילפלאָזן, און אָנגעהויבן אַראָפּגיין פון געזעס, פול מיט הכנעה און תחנונים. מעשה־שטן האָבן די פיס זיך אים פאַרפּלאָנטערט אין די רימענס, און ער איז, אין דער גאַנצער לענג זיינער, געפאַלן אויף דער ערד, ממש פאַר די פיס פון די גזלנים, וואָס האָבן געשטראַלט פון פרייד און געשפּאָט אויפן חשבון פונעם "זשיד".

דאָ איז אָבער געשען עפּעס אומדערוואַרטס: איידער זיי האָבן זיך געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, האָט דודלס לאַנגע בייטש אַרומגעבונדן זייערע פיס. כהרף עין זענען זיי אומגעפאַלן. די שטעקנס זענען זיי פון די הענט אַרויסגעפאַלן. דודל האָט קיין רגע נישט פאַרלוירן, און איידער די צוויי רויבערס האָבן זיך געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער מיט זייערע אייגענע שטעקנס, זיי אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט זיין גאַנצן כוח, און אַז דודל גיט קלעפּ מיט זיין גאַנצן כוח הייסט דאָס, אַז דער צד שכנגד איז קרוב צו יציאת נשמה. זעענדיק, אַז די צוויי רויבערס זענען שוין אינגאַנצן נישט ביים באַוווסטזיין האָט דודל זיך נישט גע־פוילט, אַרויסגענומען דעם לאַנגן שטריק פון אונטער זיין שטרויענעם געזעס, האָט זיי געבונדן ווי צוויי שעפּסעלעך,

זיי אויפגעהויבן ווי צוויי בינטלעך שטרוי, אַרויפגעלייגט אויפֿן וואָגן און ווייטער געפֿאָרן, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

די מעשה וועגן דער „מציאה" וואָס דודל האָט גע־ברענגט פונעם יאַריד האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל. באַלד איז זיין הויף פול געוועו, גרויס און קליין זענען געקומען זען דאָס בייזע ווונדער. דודל איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען ווי אַ געקרוינטער העלד וואָס קומט צוריק פונעם נצחון. אַ פריילעכער, שטראַלנדיקער, אָפּווישנדיק דעם שווייס פון פנים האָט דודל בקול־רם אַלץ דערציילט פאַרן פאַרזאַמלטן עולם, פאַרשטייט זיך אינעם לשון פון דער מדינה, כדי דאָס זאָלן אויך הערן די צוויי גויים וואָס זענען אים באַפאַלן, דערנידעריקט, געשפּאָט פון אים. „געהערט אַ חוצפּה פון צוויי נאַרישע, פאַרטינופטע ערלים?" — האָט ער געדו־נערט מיט זיין שטים און פאַר אַלעמענס אויגן צוגעגעבן די געבונדענע גויים אַ ביסל קלעפּ וואָס ער האָט נישט באַ־וויזן זיי צו געבן אויפן וועג, און זיי גלייך משלח־געווען — געבונדענע, פאַרוווּנדעטע, אין צעפליקטע מלבושים, מיט וואַקלענדיקע טריט, ווי שיכורים אָבער נישט פון ווייַן...

איז דודל געוועו אַן אויסנאַם אינעם שטעטל? — בשום אופן נישט. ער איז אָבער געוועו אַנדערש דערמיט, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו דעמאָנסטרירן זיין כוח און גבורה. ווי פיל אַנדערע איז ער געוועו ברייטפּלייציק, הויך, מיט פאַרנעם, ליב געהאַט די אַרבעט, אַ האַלבער עם־הארץ, אויב נישט נאָך מער. ער האָט אָבער ליב געהאַט קריגערייען. אין יעדן מאָמענט איז ער גרייט געוועו צו שלאָגן זיך, אַפילו בלויז אויף אַ שפּאַס. אַז אין שטעטל איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן יידן און גויים האָט דודל זיך געפילט ווי אַ פיש אין

וואַסער. מיטאַמאָל, ווי פון אונטער דער ערד, האָט ער זיך גלייך באַוויזן. אַ שמייכל פון צופרידנקייט אויפן פּנים זיינעם, די אויגן קוקן זיך גוט אַרום אין דער סביבה, כדי צו איבער־צייגן זיך צי זיין שיין ווייבל שפּירט אים נישט נאָך, ווייל איין בליק אירס איז געווען גענוג אים צו צעמישן און פאַרוואַנדלען אים אין שמשון הגיבור נאָכן אָפּשערן אים די זיבן צעפּ פונעם קאָפּ... קודם־כל האָט ער זיך געלאָזט העלפן זיין צד, דעם ייד, סיי ווען יענער האָט זיך געפונען אין אַ צרה סיי ווען יענער האָט געהאַט די אויבערהאַנט. זיינע אייזערנע פויסטן האָבן געזעצט מיט כוח, זיכער, אָן געוויסן חשבון. מען האָט קוים באַמערקט זיין אַנוועזנהייט, און שוין איז דער צד שכנגד געליגן ווי אַן אָפּגעקלאַפּטע הושענא, געשריגן פון די קלעפּ, געראַנגלט זיך פון ווייטיק. אַזאַ מאָמענט האָט דודל געהאַלטן פאַר אַ שעת־הכושר צו ווייזן אויך דעם כוח פון זיין געשליפן ציינגל. ער האָט געעפנט אַ מויל, געזאָגט מוסר דעם גוי, געשאָלטן אים מיט די ערגסטע קללות, אים געוואָרנט ער זאָל זיך היטן, נישט וואָגן קיין האַנט אויף אַ ייד צו הייבן. די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט מיט אַ ספּעציעלער באַטאָנונג און שטאָלץ, יענער זאָל דאָס האָבן צו געדענקען. נישט איינמאָל, באַלד נאָך אַזאַ געשלעג, ווי נאָר די געמיטער האָבן זיך באַרויקט, האָט מען דודלען געקענט זעען אין דער געזעלשאַפט פון זיין קרבן אין אַ שענק,ביידע שיכורים ווי לוט, שמועסן העפלעך, געמיטלעך ווי צוויי האַרציקע פריינט...

נאָענט צום גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק בעתן צווייטן וועלטקריג,ביים סוף פון די בלוטיקע געשעענישן תרצ״ו־תרצ״ט, בעת אַ באַזוך ביי מיין פאָטער אין הויז, האָב איך געכאַפּט אַ שמועס מיט דודלען. דאָס איז

געווען תשעה־באב. עס איז געווען אַ הייסער טאָג. נאָכמיטאָג בין איך אַביסל אַרויס אַפּרוען זיך אין שאָטן פון איינעם פון די גאָרטנס מיט וועלכע די געגנט איז געווען געבענטשט. פאַרנאַכט, צוריקוועגס, האָב איך געטראָפן דודלען ווי ער ליגט זיך ברייט און נחתדיק אויף אַ קליין פויעריש פורל איינגעשפּאַנט אין אַ ווייס פערד, וואָס גייט זיך פּאַוואָליע און פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ דינעם שטויב. ער האָט פאַרהאַלטן דאָס וועגעלע, פאַרבעטן מיך אַרויף, זיצן לעבן אים, כדי מיר זאָלן באַווייזן הערן מגילת איכה אין בית־כנסת. איך האָב אים באַדאַנקט פאַר זיין העפלעכקייט. כ׳בין מיט אים געזעסן אינעם פורל וואָס איז געווען פאַרלאָדן מיט זעק און פּעקלעך געבונדן מיט שטרוי. אָן שהיות האָט דודל אָנגעהויבן דאָס געשפּרעך:

— דו קומסט פון דאָרט, פונעם הייליקן לאַנד ?

— פון ירושלים. — איז געווען מיין ענטפער מיט דער האָפענונג, אַז דאָס וועט רעדן צו זיין האַרץ, דערוועקן אים אויסצופרעגן זיך וועגן דעם לאַנד בכלל און ירושלים בפרט. ער האָט אָבער נישט געפרעגט נאָר פאַרגעזעצט:

— איך האָב געהערט, אַז די אַראַבער מאַכן אייך געבערענטע צרות, דערגיין אייך אָן אויפהער די יאָרן, און גיבן אייך גוטע קלעפּ.

— ריכטיק, — האָב איך געענטפערט און אים בקיצור דערציילט וועגן די געשעענישן און די רעזולטאַטן פאַרן יידישן ישוב, וואָס קעמפט פאַר זיין קיום און רעכט אויף לעבן און אַרבעט.

דודל האָט זיך גוט איינגעהערט, געוואָרפן אויף מיר אַ גנבישן קוק, אָפּגעמאָסטן מיך פון קאָפּ ביז פיס, זיך אַ וויילל

פאַרטראַכט און געזאָגט שטיל ווי ער וואָלט מיר געוואָלט מגלה־זיין אַ גרויסן סוד:

— ווייסטו וואָס איז די בעסטע רפואה צו באַרויִקן די געמיטער און מאַכן דאָרט שלום?

— וואָס, אַדרבא לאָמיר הערן? — האָב איך געפרעגט מיט נייגער.

ער האָט צו מיר אויסגעשטרעקט זיינע צוויי ביינערדיקע פעסטע הענט און אַ זאָג געטאָן, בעת אויף זיין אָפּגעברענט פּנים האָט זיך באַוויזן אַ ברייטער שמייכל:

— טויזנט אַזעלכע דודלעך ווי איך! ברענגט אַהין אַזעלכע יונגן ווי דודל, דרייסטע, פעסטע, וואָס לאָזן זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע, מיט פעסטע ידים און געזונטע פּלייצעס, וועט איר זיך שוין מיט זיי אַן עצה געבן!...

*

הלמאַי זאָל איך לייקענען, אין די טעג פון באַלאַגערונג אויף ירושלים, בעתן באַפרייונגס־קריג, ווען מיר האָבן גע־הערט וועגן דעם וווּנדער־געווער מיטן נאָמען "דווידקה", האָבן אין מיינע אויערן געקלונגען דודלס ווערטער אין זייער פולער, אויסלייזערישער באַדייטונג...

*

ווער עס האָט נישט געזען דודלען טאַנצן שמחת־תורה מיט דער ספר־תורה צוגעדריקט צו זיין ברוסט, זיין פריילעך־צעלויכטענעם פּנים, און ווי ער רופט אויס שטיקלעך פּסוקים, אַ געמיש פון תפילות און פּזמונים, וועמענס פּירוש קיין שום ילוד אישה האָט נישט געקענט וויסן — דער האָט אין זיין לעבן קיין שמחה נישט געזען. און דער וואָס האָט נישט געזען דודלען אויף דער בר־מצווה־שמחה פון זיין בן־יחידל ווי

ער איז געשטאַנען און אויפגענומען די פיל געסט, זיי גע־בעטן עסן, טרינקען און פרייען זיך, דער האָט קיין גליקלעכן מענטש אין זיין לעבן נישט געזען. פון הויז צו הויז איז ער געגאַנגען, פאַרבעטן דעם עולם קומען אויף זיין שמחה. ווייַן האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, צוואַנציק פרויען האָבן זיך געפּאָרעט ביים צוגרייטן דאָס געבראָטנס און די באַקלוואַ. ממש אַ חתונה, אַ פריילעכע חתונה איז דאָס געווען. ווען דער רב איז אים צוגעגאַנגען בענטשן האָט זיין פּנים גע־שטראַלט פון גרויס גליק. צופרידן און מיט אַ ציטעריק קול פון שמחה און עמאָציע האָט ער זיך געבעטן: "רבי, בענטשט מיין בן־יחיד ער זאָל זיין אַ גוטער ייד, אַ כשרער ייד". טרערן פון פרייד האָבן דערביי געפינקלט אין זיינע אויגן.

אַזאַ כאַראַקטער האָט ער געהאַט דודל, דער מאַן פון כוח און פוֹיסט. אינעווייניק, טיף אינווייניק האָט ביי אים פּולסירט אַ גוטע, געמיטלעכע נשמה, אַ י י ד י ש ע נ ש מ ה. אין דעם איז ער נישט געווען איינציק. אָט למשל ר׳ ש מ ע ו ן "ג ו י" מיט זיינע בנים, אָדער ווי מיר חדר־ייִנגלעך האָבן אים גע־רופן "יעקב אבינו מיט זיינע זינדלעך", הגם זייער צאָל איז געווען עפּעס ווייניקער ווי פון די שבטים פון ישראל. יעדעס מאָל ווען מיר זענען אין חדר צוגעקומען צום דראַמאַטישן פּסוק אין דער תורה: "ויקרא יעקב אל בניו ויאמר האספו ואגידה לכם", זענען פאַר אונדזערע אויגן געשטאַנען די הויכע קומה־זקופהדיקע געשטאַלטן פון ר׳ שמעון מיט זיינע זין, אַלע מענערלעכע, מענטשן פון פעלד און אַרבעט, פליי־סיקע, געשיקטע, שווייגנדיקע, דרייסטע, געוואַגטע. די גאַנצע וואָך, אַריינגערעכנט די שבתים, האָבן זיי פאַרבראַכט צייטנ־ווייז אין די "אודאַיעס" (ווייַן־ערטער אין די גיטער מחוץ דעם שטעטל), אין די סטינעס און הייזקעס נאָענט פון זייערע

פעלדער, וויינגערטנער, שאָף און רינדער. קומענדיק אויף יום־טוב אין בית־כנסת האָבן זיי אויסגעזען אַזוי מאָדנע אין זייערע טליתים און מיט די סידורים אין זייערע גרויסע פּאַר־מאַזאָליעטע הענט. די טרויעריק־צאַרטע ניגונים, ווען דער חלל אין בית־כנסת האָט זיך אָנגעפולט מיט האַרצרייסנדיקע יללות און קרעכצן, האָבן ביי זיי נישט אַרויסבאַקומען אפילו קיין איין טרער. זיי האָבן זיך בלויז עטוואָס איינגע־בויגן, און אַז זיי האָבן די צעוואָקסענע קעפּ איינגעהילט אין זייערע שמאָלע, קליינע טליתים, האָבן זיי אויסגעזען אַביסל נעבעכדיק, פאַרלוירן. דער עולם פלעגט זיך חכמענען אויף זייער חשבון, געזאָגט: "זיי זענען נאָך בעסער פון זייער פאָטער אין אַרבעט, מסחר און אין עם־ארצות!" דאָס הייסט נישט חלילה, אַז זייער פאָטער איז געווען אַ למדן. זיין בקיאות אין די קליינע אותיות איז געווען זייער אַ קנאַפּע, אָבער בנוגע "קידוש" און "ברכת המזון" איז אים נישט געגאַנגען אַזוי שווער. ער האָט אפילו געקענט אַביסל שרייבן, אָבער אַ משונהדיק כתב. אַזוי למשל, האָט ער אַמאָל געגעבן אַ גוי אַ צעטעלע מיט אַזאַ מין אויפשריפט: "גיט דעם אָרל 005 סכעם קעמעך", דאָס הייסט געבן דעם ערל 500 זעק מעל... נאָך זיין פטירה, ווען מחמת ירושה־ענינים האָט מען אָנגעהויבן אַריינקוקן אין זיינע "ביכער", האָט מען געטראָפן אַזאַ מיש־מאַש פון שוואַרצע, גראָבע און דינע פּאַסיקלעך, קאָטשערעס, רינגעלעך און ציפערן, אַז עס איז אוממעגלעך געווען עפּעס דערפון צו דערגיין. וואָס עס האָט צום מיינסטן געוווּנדערט איז געווען, אַז ביים אָנהייב פון יעדן בלאַט אינעם פּינקס האָט זיך געפונען אַ גרויסער פלעק און ערשט נאָך גרויס מי איז מען דערגאַנגען דעם אמתן פירוש דערפון, וואָס איז געווען: נ ת ת י. מען האָט אָבער נישט געוווּסט

וואָס ער האָט דערמיט געמיינט, ווייל כל ימיו איז ער דווקא געווען צווישן די נעמערס. נאָך אַ לאַנגער אַריינטראַכטונג האָט מען אַנטפּלעקט צוויי פאָרמען — איין פאָרם "נ ת ט י" וואָס האָט באַדייט געגעבן, און די צווייטע פאָרם "נ ט ט י", וואָס האָט געהייסן ביי אים, אַז ער האָט באַקומען, דער־האַלטן...

מיט איינעם פון זיינע זין האָט פּאַסירט, אַז איינמאָל ביים עולה־לתורה־זיין, האָט ער געבעטן מאַכן אַ מי־שברך זיין ווייב, אַ יולדת. דער חזן האָט דעם מי־שברך געמאַכט ווי עס געהער צו זיין און ווען ער איז צוגעקומען צום "בעבור שנתן", מיט דער האָפענונג אַז דאָ וועט ער ביי אים אַרויסבאַקומען מסתמא אַ פיינעם "נדר", האָט דער זון הויך אויפן קול און זיכער ביי זיך אויסגערופן אַנשטאָט דעם: "שרה־ביילע", דאָס הייסט דעם נאָמען פון זיין ווייב...

ר׳ שמעון "גוי" האָט אַלע יאָרן געהאַט אַ באַדן־סיכסוך מיט ר׳ בערל דימענטשטיין, אַ ייד אַ תלמיד־חכם, אַ פּיקח, אַ שאַרפער בעל־דבר און אויסגעשפּראָכענער משכיל. צוזאַ־מען מיט אַלע מינים ספרי־קודש זענען אין זיין ספרים־שראַנק געשטאַנען בענדער פון "השחר" און "השילוח", אַלע געבונדן אין גלאַנציקן לעדער. די שירים פון יל"ג זענען פאַר אים געווען אַ הייליקייט. קוקנדיק אויף זיין קליינעם וווּקס, טיפע קנייטשן אויף זיין שטערן און אומעטיקע ברעמען אויף זיינע אויגן, האָט מען געקענט מיינען אַז ער איז אַ ייד אַ קפּדן, אַ בייזער. ער האָט אָבער ליב געהאַט דאָס לעבן און נישט געווען נאָך אַזאַ לץ ווי ער. "קיינמאָל", פלעגט ער זאָגן, "האָב איך נישט געזען אַ ווייס לאָשיקל און אַ קינד אַ נאַר, נאַר ווייסע פערד און נאַרישע מענטשן". ווען מען האָט אים געפרעגט וואָס פאַרוואָס כלה וויל ער פאַר זיין עלצטן זון, וואָס

איז געבענטשט געוואָרן מיט טאַטנס וווקס אָבער נישט מיט זיין פּיקחות, האָט ער געענטפערט: "עס אַרט מיר נישט אויב די כלה וועט זיין קלוגער פון מיין זון, און איך וועל נישט האָבן קיין צער אויב זי וועט איבערשטייגן די שיינקייט פון מיין ווייב"...

אין איינער אַ נאַכט איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אין ר׳ בערלס הויז. רויך־וואָלקנס האָבן זיך געהויבן צום רויט־געוואָרענעם הימל. די פלאַמען פייער וואָס האָבן אַרומגע־כאַפּט דאָס הויז האָבן זיך אָן רחמנות פאַרשפּרייט אין אַלע אַמבאַרן פול מיט תבואה, און עס האָט אויסגעזען ווי דאָס גאַנצע שטעטל גייט אַוועק אין פלאַמען. ווי דער שטייגער, זענען אַלע מענטשן געקומען ראַטעווען, העלפן, און אין שפּיץ — ר׳ שמעון "גוי" מיט זיינע בנים. זיי אַלע האָבן געאַרבעט עבודת־פּרך, געשפּרונגען אין פייער אַריין, איינגעשטעלט דאָס לעבן. צומאָרגנס האָט מען געפרעגט ר׳ שמעונען: "הייתכן? אייער הויז געפינט זיך זייער ווייט פון דער שריפה, אַלע יאָרן געפינט איר זיך אין אַ קאָנפליקט, קריגט זיך אַרום, סאַנדעוועט זיך און קאָנקורירט מיט ר׳ בערלען, מיטאַמאָל קומט איר גאָר מיט אַלע זין ראַטעווען אַ שונא מיט זיין פאַרמעגן? וואָס אַרט אייך, אַז ר׳ בערלס הויז וועט אַוועק מיטן רויך?". ר׳ שמעון איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. אַ גרימאַסע האָט זיך באַ־וויזן אויפן פּנים ווי פון אַ גרויסן ווייטיק, ער האָט זיך צע־קאָכט און מיט זיין דיקער, טיפער שטים זיך צעשריגן: "פאַרמאַכט די מיילער, אַ כאָליערע זאָל אייך נעמען. וואָס מיינט איר, אַז שמעון גוי איז קיין ייד נישט? אַז אַ גאַנץ יאָר זיצט ער אין די "אודאַיעס" און האָט מיט יידישקייט נישט צו טאָן? הפקר? פאַרוואָס דאַרף דען אַ ייד לייגן

תפילין — של ראש און של יד? — כדי צו ווייזן אַז קאָפּ אַליין איז נישט גענוג, אַ האַרץ דאַרף מען האָבן! אַ ייִד דאַרף אַ האַרץ, אַ יידיש האַרץ! פון היינט אָן זאָלט איר וויסן, אַז ר׳ שמעון גוי האָט אַ האַרץ, אַ יידיש האַרץ, צי עס געפעלט אייך יאָ אָדער נישט!״.

דער רב

דאָס מזל האָט צוגעשפּילט אונדזער שטעטל מיט רבנים גרויסע למדנים און אנשי־מידות וואָס האָבן געבראַכט פּרסום דאָמבראָוועז אין אַלע עקן בעסאַראַביע. הרב ר׳ מענדעלע דאַווידזאָן (נפטר־געוואָרן אין ארץ־ישראל), דער זיידע פון ר׳ שעפּטל שוחט, ערשטער רב פונעם שטעטל, איז עולה־געווען קיין ירושלים אין שנת תרמ״ב: הרב משה שטערנבערג און זיין זון לוי, דער יורש פון זיין כסא־הרבנות, איז געווען דער לעצטער רב פונעם שטעטל. ״דער דאָמבראָווענער רב״ הרב לוי שטערנבערג איז געווען אַ שם־דבר אין אַלע עקן בעסאַראַביע און אין די דיסטריקטן פונעם אַלטן רומעניע. תלמידי־חכמים און פּאָלקס־מענטשן, גאָטפאַרכטיקע און פרייע, ציוניסטן און נישט־ציוניסטן, מלוכה־באַאַמטע און די גויים פון די שכנותדיקע דערפער — אַלע האָבן פאַר אים געהאַט רעספּעקט און זיך

באַצויגן צו אים מיט ליבשאַפט און פאַרערונג. זיין פּערזענ־לעכקייט האָט אַרויסגערופן צו זיך כבוד. זיין אויפטריט איז תמיד געווען מיט חן און פּראַכט — ער איז געווען אַ תלמיד־חכם ביי וועמען מען האָט קיין פּגם נישט געפונען אין זיין לבוש. ער האָט זיך געהאַלטן ווירדיק, און מדקדק־געווען אין זיינע מלבושים. יעדער אויפטריט זיינער האָט אַריינגעבראַכט פייערלעכקייט אין דעם וואַכעדיקן אַרום. אַ ביסל העכער פון מיטעלן געוואוקס, אַ ברייט פּול געזיכט אַרומגעזוימט מיט אַ שוואַרצער באָרד מיט ערשטע גרוי־ווערנדיקע האָר; אַ הויכער שטערן, תמיד פאַרקלערט און צוויי גליענדיקע אויגן — שוואַרצע וואַרעמע אויגן, טיפע און קלוגע. אַ למדן און אַ גרויסער בעל־זכרון געווען, אַ חכם און איידלמאַן און אַ מוסטערהאַפטער שמועסער, אַ "פּה מפיק מרגליות". דאָס ש מ ו ע ס ן איז געווען דער יסוד פון זיין חיות. זיין וואַכזאַם שיין רעדן, סיי ווען דאָס איז געווען בנוגע אַקטועלע פראַגן סיי בנוגע דברים העומדים ברומו של עולם, איז תמיד באַ־גלייט געוואָרן מיט וואַרעמקייט און ערנסטקייט, דורכגעמישט מיט האַרציקן הומאָר. זיין הויפּט כלי־זיין איז געווען זיין קול — אַ זיס, זיידן און זינגעוודיק קול, וואָס מען איז נישט מיד געוואָרן עס צו הערן. זיינע לויפיקע, שיינע געשפּרעכן, געווי ווי זיינע טיף־עמאָציאָנעלע תפילות, זיינע דרשות דורכגעפלאָכטן מיט שאַרפע מוסר־רייד און פאָלקס־משלים וואָס האָבן געטראָפן אינעם פינטל אַריין, און איבער אַלעם — זיינע ציוניסטישע רעדעס וואָס זענען געווען אַ שפּרודלדיקער קוואַל פון תורה, לעבנס־חכמה און חיבת־הארץ, האָבן פאַר־כאַפּט דאָס האַרץ, געוווּנען דעם עולם.

דעם רבס הויז איז געווען אַ צוציענדיקער צענטער; אַלע זענען געקומען אַהין, ווער כדי צו פרעגן אַן עצה, ווער אויף

אַ פריינטלעכן שמועס ביי אַ גלעזל טיי און ווער כדי אָראָפּ־צורעדן זיך פון האַרץ. שיינע באַלעבאַטים און יידן מיט שווערע דאגות, פאַרמעגלעכע ערד־באַזיצערס און פאַראָרעמטע סוחרים, פרומע און משכילים, שיינע יידן און סתם עמך, אַלע האָבן זיך מיט אים באַראָטן. אַ באַלעגאָלע ביי וועמען דאָס פערד איז אָפּגעפייגערט און איז געבליבן אָן פרנסה; אָן ״איי־ביקער גימנאַזיסט״ וואָס האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל און נישט געהאַט קיין פאַך, בעת זיין פיזישער צושטאַנד האָט אים נישט דערלויבט צו ווערן אַן ערד־אַרבעטער ווי ער האָט דאָס געוואָלט; אַ חשובע באַלעבאָס וואָס איז געוואָרן אַ יורד און נישט געהאַט קיין נדן פאַר זיין טאָכטער אַ בוגרת, און סתם ענינים פון מחלוקת און דין־תורהס בין אדם לחברו — צו וועמען וועלן זיי זיך ווענדן, פאַר וועמען וועלן זיי אַרויס־לייגן זייערע טענות, אויב נישט פאַרן רב? און ער, דער רב, האָט זיי אויפגענומען בסבר פנים יפות, מיט געדולדיקייט און געלאַסנקייט, האָט זיי געגעבן אַן עצה, דערמוטיקט און גע־שטאַרקט דאָס האַרץ, געלערנט און געקעכלט ווי אַ טרייער פאַסטעך און קלוגער פּעדאַגאָג מיט אַ סך שאר־רוח. טיף ביי זיך, האָט אים אָבער געפּייניקט דאָס געוויסן וואָס עס איז אויף אים גוזר־געוואָרן, זיינע יאָרן צו פטרן מיט אַזעלכע ״קלייניקייטן״ אינעם קליינעם שטעטל, בעת זיין גאַנץ וועזן האָט געשטרעבט צו גרויסקייט און זיין נשמה האָט געבענקט נאָך ציון.

זיין באַציונג צו פּראָסטע יידן און זיינע שמועסן מיט זיי, זענען געווען דורכגעוויקט מיט אַ באַזונדערן חן. זיין ברכה און דערמונטערנדיקע רייד זענען פאַר זיי תמיד געווען אַן אָנ־שפּאַר, אַ חיזוק און טרייסט אין זייער אָרעמקייט און איינ־זאַמקייט. אָט קומט צו אים ר׳ אהרן שמש, אַ נידעריק, מאָגער

יידל דאַר ווי אַ גרורגרת דרבי צדוק, מיט אַ שוואַך הייזע־ריקלעך קול שלינגענדיק יעדעס וואָרט באַזונדער, מיט אַ קליין שיטער קאָזע־בערדל און אויסזען פון אַן אויסגעקלאַפּטער ליידיקער זאַנג; ער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ פאַרן רב: זיין ווייב שתחיה, האָט נאָכן געבוירן אַ האַלב טוץ מיידלעך ענדלעך געהאַט אַ בן־זכר, אַ קדיש נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, אָבער דער רופא, דער "ערל", איז משוגע און הייסט זי זאָל עטלעכע חדשים רוען, און האָט פאַר־שריבן אַ "פיטאַניע". וואָס מיינט ער דער "חכם בלילה", אַז ר׳ אהרן, דער שמש פון דער "דייטשער שול" איז ראָטשילד? ווער וועט אים העלפן אין דער שמשות, בעת ער איז עוסק אין זיין צווייטער מלאכה, ביי איינבינדעריי? און בכלל ווער קען זיך דאָס דערלויבן אויף אַזאַ פּינוק פון אַ ווייב? הערנ־דיק דאָס אַלץ און קוקנדיק אויף דעם נעבעכדיקן רחמים־דערוועקנדיקן שמש, האָט דער רב זיך צעשמייכלט. אַן אומע־טיקער גלאַנץ האָט אַ פינקל געטאָן אין זיינע וואַכעדיק־לויכטנדיקע אויגן און מיט זיין ווייך קול באַמערקט: "ר׳ אהרן, דעם רב מעגט איר נישט פאָלגן, אָבער אַ רופא, אפילו ווען ער איז אַ גוי, מוז מען פאָלגן, וואָס ער זאָגט איז אַ גזירה". דערביי האָט דער רב נאַטירלעך געזאָרגט, די עצה פונעם דאָקטער זאָל פולקאָם אָפּגעהיטן ווערן!

די וואָס זענען געקומען מיטן רב אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט, געהערט זיינע שמועסן, דרשות און רעדעס האָבן אַוודאי נישט איינמאָל געטראַכט: — אַזאַ שיינע האַרמאָנישע געשטאַלט איז טאַקע געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין איינע פון די פאַר־געסענע, גרויע, בעסאַראַבישע שטעטלעך? האָט טאַקע פונעם דאָזיקן איינטאָניקן בהלהדיקן לעבן אַרויסגעשפּראָצט אַזאַ זעלטענע געשטאַלט וואָס האָט געשפּרודלט מיט אינערלעכער

און אויסערלעכער זעלבסטווירדע און זעלבסטזיכערקייט, און מיט אַזאַ פיינעם לייטזעליקן הומאָר? דער רב אַליין, געגוי ווי אַ סך זיינס גלייכן, איז טאַקע געווען אַ קרבן פון דאַזיקן אָרעמען און באַגרענעצטן לעבן, אָן רחבות און אָן שוווּנג. ער האָט געשטרעבט צו גרויסקייט און באין ברירה האָט ער גענומען אויף זיך דעם דין, און דאָס שענערע און בעסערע, די שירה פון זיין לעבן, האָט ער געמוזט דערשטיקן אין זיך. אַן ענטוזיאַסטישער ציוניסט, פון די עמודי־התווך פון דער ״מזרחי״־באַוועגונג אין בעסאַראַביע און דעלעגאַט אויף צוויי ציוניסטישע קאָנגרעסן; ציון איז געווען דער חלום פון זיין לעבן. ער האָט אויך באַזוכט ארץ־ישראל אָבער נישט געפונען די מעגלעכקייט צו עלייה און אפשר האָט ער נישט פאַרמאָגט די געוואַגטקייט אַלץ אויסצוואָרצלען, איבערצורייסן דעם קשר מיט זיין עדה וואָס ער האָט געפיטערט העכער פערציק יאָר. און אַז ער איז שוין געשטאַנעןביים שוועל פון פאַר־ווירקלעכן זיין חלום, איז פאַרגעקומען דאָס גרויסע אומגליק. זיינע רעדעס האָבן דערצויגן, דערמוטיקט און באַגייסטערט הונדערטער און טויזנטער עולים; זיין ברכה האָט באַגלייט מאַסן אויף זייער וועג קיין ציון, און ער אַליין האָט אויסגע־הויכט זיין נשמה אונטער פרעמדע, קופערנע הימלען, אין די סטעפּעס פון רוסלאַנד, איינזאַם און אַליין, פאַריתומט פון די מענטשן פון זיין עדה מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן מיט אַלע פעדים פון זיין נשמה, ווייט פון זיין משפחה, וואָס כמעט אַלע האָבן זיי געשלאָגן וואָרצלען אין ארץ־ישראל, און ווייט פון ארץ חמדה צו וועלכן ער האָט אַלעמאָל געוואָנדן זיינע אויגן מיט ליבשאַפט און הייליקן ציטער. כל ימיו איז ער געגאַנגען קיין ציון אָבער נישט דערגאַנגען! אין זיין לעבן, געגוי ווי אין זיין טויט, איז געווען עפּעס פון דעם

אומעט, עפּעס סימבאָלישעס נישט בלויז פֿאַר די יידן פֿונעם שטעטל, וועמענס שיפֿס־קאַפּיטאַן, סניגור און טרייער וואָרט־זאָגער ער איז געווען, נאָר אויך פֿאַרן גאַנצן בעסאַראַבישן יידנטום, אַ יידנטום מיט גרויסער קראַפֿט און געבענטשטע וואָרצלען, וואָס איז געווען און איז מער נישטאָ.

דעם טאַטנס הויז

און תמיד זאָלסטו בענקען צום לאַנד פֿון דיין געבוירן, צום קליינעם שטעטל דיינעם, צו דיינע הונגער־טעג, נאָך דעם מעך אויף די ווענט פֿון טאַטנס הויז, נאָך דיינע יוגנט־זינד; די אַלע בענקשאַפֿטן וועלן דיר ביישטיין אין אַ שעת־צרה און רייניקן דיין נשמה פֿון יעדן פּגם.

(חיים נחמן ביאַליק, איגרות, ב׳, זייט 7)

אַ יידיש הויז מיט אַלע פּרטים און פּיטשעווקעס איז געווען דעם טאַטנס הויז, פֿול מיט יידישן חן, וואַרעמקייט און היימישקייט. דער ניגון איז געווען דער יסוד פֿונעם הויז. ער האָט נישט אויפֿגעהערט אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר און אַוודאַי נישט אין די שבתים, יום־טובים און געדענק־טעג. אַחוץ די מאַמע, זענען אַלע בני־בית, מיטן טאַטן אין שפּיץ, געווען ״בעלי מנגנים״. נישט געווען קיין שום

ניגון פון די תפילות פון אַ גאַנץ יאָר און פון אַלערליי פאָלקס־לידער, וואָס האָט זיך נישט געהערט ביי אונדז און אָפּגעהילכט פון איין עק הויז ביזן אַנדערן. שוין אין די פריע מאָרגן־שעהען האָט דער טאַטע זיך אונטערגעברומט אַ זיסן ניגון, שוין ביים פאַרען זיך מיטן גרויסן קופּערנעם בייכיקן סאַמאָוואַר, וואָס איז צו אונדז אַריבער בירושה זינט עטלעכע דורות. יעדעס מאָל ווען איך דערמאָן זיך אינעם טאַטן גייט אויף אין מיין געהער אַן אַריינדרינגענדיק ליד, גענוי ווי עס איז מיר שווער צו דערמאָנען זיך אין מיין מאַמען אָן צו זען פאַר מיינע אויגן אירע קליינע געשיקטע הענט פאַרפאָרעט אין די פאַרשידענע שטוב־אַרבעטן, וואָס זי פלעגט טוען מיט זעלטענער פעדאַנטישקייט און שטילשווייגן, בעת אַ שמייכל האָט געשוועבט איבער אירע דינע, בלאַסע ליפּן און צוגעגעבן אַ ספּעציעלן חן אירע איידל־געשניצטע גע־זיכט־שטריכן.

אַלץ אין שטוב האָט געאָטעמט מיט ריינקייט, אָרדענונג, אַזוי אין אַלע רחבותדיקע צימערן, אין די גרויסע פולע שפּייכלערס, אינעם מיט שטיינער אויסברוקירטן הויף, אַזוי אינעם פאַרנעמיקן קעלער, אין וועלכן עס האָבן זיך אין באַזונדערעס גרויסע פעסער אויפגעהיטן דריי מינים ווײַן: ווײַן אויף קידוש און הבדלה, ווײַן אויף יום־טוב און אַ געוויינ־לעכער ווײַן אויף טעג פון אַ גאַנץ יאָר; אַזוי אויפן בוידעם אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען אַ ספּעציעל גוט־אַרומגע־צוימט ווינקל פאַר די פסחדיקע כלים, און אַזוי אין דער סוכה וואָס איז געווען אַן אומאָפּטיילבאַר חלק פון דער הינ־טערשטער וועראַנדע; די קינסטלעריש־געשניצטע מעבל, די שיינע און טייערע כלים, די ספרים־שראַנק וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט ספרים און מיט די בעסטע ביכער פון דער

ליטעראַטור אין יידיש און רוסיש, געבונדן אין שיינע ברוין־לעדערנע בענדער; די קאָלירטע דיוואַנען און טעפּיכער וואָס האָבן באַדעקט די דילן און באַדעקט די סאָפעס; די ציכטיק־בלאַנקענדיקע זשיראַנדלען אָנגעהאַנגענע אויף דיקע קו־פּערנע קייטן צום סופיט; די שניי־ווייסע געהאַפטענע פאָר־האַנגען, מיט אַרומגעזיימטע לעכלעך, און צולעצט דער שבת־לייכטער מיט די פינף רערן, און דאָס קינסטלעך אויסגע־פּאַרטיקטע בשמים־ביקסל וואָס איז געשטאַנען אויפן בכבו־דיקסטן אָרט אינעם באַגלאָזטן קרעדענץ — אַלץ האָט גע־אָטעמט מיט איינגעפונדעוטקייט, מיט באַקוועמלעכקייט, מיט טראַדיציע פון דורות און איינגעוואָרצלטקייט. דער געפּילדער פון די גויישע קונים וואָס האָט זיך אַהער דערטראָגן פונעם שניט־געשעפט, וואָס איז געווען אַ מין פּירהויז צו אונדזער שטוב, זייער דינגען זיך און די קולי־קולות זייערע, האָבן אויף אונדז קליינע קינדער געוואָרפן אַ באַהאַלטענעם, סודות־פולן, עפּעס אומבאַוווסטן פּחד. שפּעטער האָבן מיר אויך פאַרשטאַנען די קרעכצן פונעם טאַטן ווען ער איז אַריינ־געקומען אין שטוב אַריין פון דער קראָם, ווען ער איז אַריבער פון דעם אָרט וואָס איז געווען וואָכעדיק־שבוואָכעדיק, פול מיט שרעק, בהלה און זאָרג, אין אַ צווייטער ספערע ווו עס האָט געהערשט אַזאַ רואיקע שלווהדיקייט, רחבות, באַקוועמ־לעכקייט.

אַן איש תם וישר איז געווען דער טאַטע, אַ ייד אַ שומר־מצוות און גומל־חסדים. קיין גרויסער למדן איז ער נישט געווען אָבער אַ בקי אין תורה, אגדה און אין ספרי יראים, וואָס האָט דערביי אויך לײדנשאַפטלעך געלייענט ביכער אין יידיש. די ביכער פון פּרץ און שלום־עליכם האָט ער באַזונ־דערס ליב געהאַט, ער האָט זיי געלייענט מיט האַרץ, מיט

באַטאַנונג. די לאַנגע ווינטער־נעכט, באַזונדערס די פרייטיק־צו־נאַכטסן, זענען ביי אונדז ממש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ליטעראַרישע אָוונטן. ווען די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן האָבן זיי אויך גענומען אַ היבשן אָנטייל אין דעם לייענען, אין אויסשפּילן סצענעס, ביים דערציילן מעשׂיות.

ער האָט נישט ליב געהאַט די איבערגעטריבענע פרומקייט און אונדז קינדער (דריי מיידלעך און מיך — דעם בן־יחיד) האָט ער געגעבן פולע פרייהייט. ער האָט אונדז נישט גע־שטערט צו פירן זיך ווי מיר האָבן געוואָלט און וואָס צו לערנען. די קדושה פון שבת האָט ער אָבער געהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. אַז עס איז אים, צוליב זיינע עסקים, אויסגעקומען צו פאַרוּוען שבת ווייט פון דער היים, איז אים טרויעריק געווען אויפן האַרץ. ווינטער־צייט איז אונדז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו ליידן קעלט, ווען מיר האָבן נישט געפונען קיין שבת־גוי איינצוהייצן דעם אויוון. ווען עמיצער פון אונדז קינדער האָט געפרוּווט, אפילו בלויז בדרך הלצה, באַמערקן אַז צוליב אָנצינדן אַ שוועבעלע איז נישט כדאי צו ליידן פון דער נאַסער קעלט, האָט דער טאַטע זיך גוט אויף אים אָנגעבייזערט. ער פלעגט זאָגן: „עס איז מיר אַ גוטער רחמנות אויף די אַפּיקורסים און פורקי־עול, וואָס האָבן אין זייער לעבן נישט פאַרזוכט דעם טעם פון שבת".

די מאַמע האָט אונדז אַמאָל דערציילט: דאָס איז געווען אינעם ערשטן יאָר פון זייער חתונה, ווען זי האָט זיך דער־נענטערט צו איר ערשטע קימפּעט. דער טאַטע איז גראַד פיל אַרומגעפאָרן מיט זיין סחורה אויף די יאַרידן, איבער ווייטע און פאַרוואָרפענע שטעט און דערפער. מיט מאָרגן־בליץ פלעגט ער אַרויס פון שטוב און צוריקקומען ערשט אין די אָוונט־שעהען, און טיילמאָל אפילו נאָך האַלבער נאַכט. אין

איינעם אַ האַרבסט־טאָג איז ער אַרויסגעפֿאָרן מיט דער כוונה צוריקצוקומען, ווי געוויינלעך, אויף שבת. פּרייטיק אינדער־פֿרי האָט דער הימל זיך פֿאַרוואָלקנט, עס האָט אָנגעהויבן גיסן ווי מיט צעבערס. שוין צייט צו צינדן שבת־ליכט און דער טאַטע איז נאָך אַלץ נישטאָ. פֿון גרויס עגמת־נפֿש, וואָס מען זעט נאָך נישט דעם טאַטן, האָט די מאַמע באַקומען פֿריִע געבורט־ווייען און אָנגעהויבן גיין צו קינד. די מומעס און שכנטעס וואָס זענען אַלאַרמירט געוואָרן האָבן זי גע־פּרוווט באַרויִקן. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז דער טאַטע וועט אויף שבת נישט בלייבן אין דער פֿרעמד. ער איז דעריבער זיכער געבליבן שטעקן ערגעץ אין סאַמע מיטן וועג. און באמת — אין האַלבער נאַכט, קורץ נאָכדעם ווי עס איז געבוירן געוואָרן מיין עלצטע שוועסטער, האָט דער טאַטע אָנגעקלאַפּט אין טיר — אַ מידער, דערשעפּטער, אַ ציטערנדיקער פֿון קעלט, דורכגעווייקט און פֿאַרבלאָטיקט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. ער האָט דערביי תּמימותדיק דערציילט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט: גלייך ווי עס איז געוואָרן טונקל איז ער אַראָפּ פֿונעם וואָגן, מקבל־שבת געווען אין פֿעלד מיט לכה דודי, און געבעטן דעם גוי מיט וועמענס וואָגן ער איז געפֿאָרן, יענער זאָל פֿאָרן לאַנגזאַם אַזוי, ער זאָל קענען נאָכ־גיין צופֿוס. אומזיסט האָט זיך דער ערל געבעטן ביי אים, ער זאָל אַרויף אויפֿן וואָגן כדי אָנצוקומען אַהיים אַביסל פֿריִער. אַ האַלבע נאַכט איז דער טאַטע געגאַנגען צופֿוס נאָך דעם פֿאָרנדיקן וואָגן — אָטעמדיק דערביי שווער, אַ פֿאַר־שוויצטער, באַגאָסן מיטן רעגן, שלעפּנדיק קוים די פֿיס אין די טיפֿע בלאָטעס און קאַלוזשעס רעגן וואַסער, וואָס איז דערגאַנגען ביז איבער די קני, נישט אויפֿהערנדיק דערביי אויף קיין איין רגע צו טראַכטן וועגן דער מאַמען, וואָס

זאָרגט זיך מיט זיין פאַרשפּעטיקן. דעם שבת האָט ער אָבער נישט מחלל־געווען.

צוויי מצוות האָט דער טאַטע מקיים־געווען בכל נפשו ובכל מאודו: שבת און גמילת־חסדים. וויבאַלד דער שבת איז ביי אים געווען קודש־קודשים, אַ זאַך בלויז פאַרן הייליקן טאָג, איז גמילות־חסדים ביי אים געווען אַ טאָג־טעגלעכע וואָכעדיקע זאַך. אַ גרויסער פּינקס האָט ער געהאַט פאַר זיך מיט דריי שיינע און גרויסע געכתיבעטע אותיות: גמ״ח (גמילות־חסדים). געגנוי ווי די האַנט זיינע איז תמיד געווען אָפן כדי צו לייען יידן אַ גמילות־חסדל, יעדן עני ואביון, יעדן געלי־טענעם אָדער אַזעלכן וועמען עס האָט אָנגעהויבן צו גייען מיט דער פּוטער אַראָפּ און האָט נישט געהאַט קיין פּרנסה, אַזוי איז אויך געווען אָפן זיין פּנקס אין וועלכן ער האָט אַריינגעשריבן די בעלי־חובות. אַז אַ ייד איז געקומען בעטן אַ גמילת־חסד האָט ער זיך נישט אויסגעפרעגט אויף וואָס יענער דאַרף די הלוואה. אַז עס איז געקומען דער טאָג פון צוריקצאָלן דעם חוב, און יענער האָט דאָס געלט נישט צו־ריקגעגעבן, און אויב עס איז דערווייל אויסגעפאַלן ראש־השנה, האָט ער ביים רינגעלע צוגעגעבן אַן אות ״צ״, וואָס האָט באַדייט צדקה. האָט ווידער דער בעל־חוב זיך דער־מאָנט און צוריקגעצאָלט דעם חוב, האָט דער טאַטע דאָס געלט שוין באַטראַכט ווי נישט זיינס און האָט עס צעטיילט אויף צדקה, ווי גרויס די סומע זאָל נישט זיין.

עס האָט מיר נישט לאַנג דערציילט אונדזער אַ בן־עיר, איינער פון די ווייניקע לעבנגעבליבענע וואָס האָבן זוכה־געווען עולה־זיין קיין ישראל, אַז אין איינעם אַ ווינטער־טאָג איז אויסגעבראָכן אַ שריפה און פאַרברענט זיין הויז. ער און זיינע בני־בית זענען געבליבן בעירום ובחוסר כל און אַן

אַ דאַך איבערן קאָפּ. דאָס אומגליק האָט אים געטראָפן אָנהייב וואָך און באַלד דעם ערשטן מוצאי־שבת האָט דער טאַטע פאַרזאַמלט ביי אונדז אין שטוב אַ מנין פון די פאַרמעגלעכע יידן אין שטעטל, און פאַר זיי אַוועקגעלייגט אַ גרויסן בויגן פאַפּיר מיט אַ טעקסט פון אַ התחייבות פאַר אַ סומע מיט וועל־כער עס איז מעגלעך צוריק אויפצובויען דאָס הויז פונעם נשרף. די פאַרזאַמלטע האָבן געזען די שיינע סומע אויף וועלכער דער טאַטע האָט זיך מתחייב־געווען, האָבן זיי נאָכ־געטאָן זיין ביישפּיל אָן שום דין ודברים, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן און ווייליקייט. עס זענען קוים דערנאָך פאַרביי דריי חדשים, און דאָס הויז איז צוריק געשטאַנען אויפגעבויט אויף זיין אָרט.

אַ שניידער פון פּשוטע פּרויען־קליידער איז געווען ביי אונדז, האָט ער געהאַט אַ קראַנק ווייב און בערך אַ האַלבן טוץ קליינע בלאַסע און שוואַכע קינדער. דאָס איינציקע מאכל וואָס זיי האָבן געגעסן אַ גאַנצע וואָך איז געווען קאַלטע מאַמעליגע, ציבל און קאַרטאָפל, און דאָס אויך בצימצום. פּרייטיק פאַרנאַכט פלעגט די מאַמע צושיקן זיי, מיט איינעם פון אונדז קינדער, אַ קיישל שפּייז פון כל טוב: חלות, געפילטע פיש, אַן אָפּגעקאָכט עוף, אַ לאָקשן־קוגל, אדג״ל. די צדקה וואָס איז געגעבן געוואָרן בסתר און קיינער האָט דערפון נישט געוווסט, האָט אַזוי געדויערט ביז אַלע קינדער זענען אויפגעוואַקסן און אויך אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי שניידעריי. יענער שניידער האָט אַמאָל געוואָלט אָפּדאַנקען דעם טאַטן און אים פאַרגעלייגט פאַר מיר אויפצונייען אַ מלבוש אויף יום־טוב. דער טאַטע האָט אים אָפּגעפּטרט מיט אַ שמייכל: ״פאַר אַזאַ יאַטל לאָזן עקסטרע נייען אַ מלבוש? — אַזאַ גביר בין איך נישט! גענוג פאַר אים גרייטע מלבושים, וואָס

איך קויף פאַר אים אין שטאָט!״. דער טאַטע האָט טאַקע נישט געזאָגט קיין ליגן. די אַרבעט פון די שניידערס אין שטעטל האָט אים נישט באַפרידיקט, איז נישט געווען לויט זיין געשמאַק. פאַר זיין בן־יחיד האָט ער געקויפט אין שטאָט גרייטע מלבושים, פון די בעסטע און שענסטע. ״בגדי מלכות״ ווי עס האָט געזאָגט די מאַמע.

די קולות פון די טומלענדיקע גויים וואָס האָבן געשראָקן אונדז קינדער, האָבן זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. ביס־לעכווייז־ביסלעכווייז האָבן מיינע עלטערן געפילט אַז די ערד אויף וועלכער זיי האָבן געבויט זייער שיינע היים, זינקט איין און אַלץ וועט זיך צעפאַלן. דער טעגלעכער משא־ומתן מיט די גויים, כאָטש אַ סך פון זיי האָבן אַרויסגעוויזן פריינט־שאַפט און סימנים פון כלומרשטער טריישאַפט, האָבן ביי זיי אַרויסגערופן ווידערווילן און כעס. די גזירות פון דער מאַכט וואָס האָבן זיך געשאָטן אָן אויפהער, הגם טיילווייז זענען זיי בטל געוואָרן אַדאַנק שוחד און מתנות, וואָס איז געווען זייער שכיח ביי די רומענישע מאַכט־האָבער, האָבן פאַרביטערט זייער לעבן. דער פחד פאַרן מאָרגן האָט אַרויסגערופן גרויס זאָרג. גלייך ווי עס איז נאָר אויסגעבראָכן אַ געשלעג אינעם מאַרק־טאָג, האָט מען גלייך פאַרהאַקט טיר און לאָדן; כאָטש די ברייטפּלייציקע פעסטע יונגן האָבן זיך גלייך באַוויזן, גרייט צו יעדער צרה, זענען דער רוב מענטשן אין שטעטל געווען ווי צעשראָקענע שעפעלעך. די מאַכט־האָבער האָבן געהערשט ביד רמה, דערגאַנגען די יאָרן אויף טריט און שריט, בייז־ווייליק און מיט דער אָפענער כוונה אָנצוטאָן יידן צרות. עס איז שרעקלעך געווען צו זען ״די אָפּהיטער פון געזעץ און אָרדענונג״ ווי זיי פייניקן און לייגן אַרויף האַרבע שטראָפן אָדער פּאַטשן אויס אַ יידישן באַלמעלאָכע, אַז

אביון און מטופל מיט קינדער, למשל, פאַרן חטא וואָס ער האָט געאַרבעט זונטיק, וואָס איז געווען דער אַלגעמיינער רו־טאָג.

איך געדענק ווי אין איינעם אַ שבת, נאָך דעם ווי דער טאַטע איז צוריקגעקומען פון דאַווענען און צומאָל נאָך נישט באַוויזן צו מאַכן קידוש, האָט זיך אין שטוב באַוויזן אַ וויכ־טיקער שררה און געוואָלט מען זאָל אים פאַרקויפן אַ קופּאָן סחורה אויף אַן אָנצוג. מיט אַ בייזוויליק שמייכעלע אויף די ליפּן איז ער געשטאַנען אין דער טיר, קוקנדיק אויפן בלאָס־געוואָרענעם טאַטן. אַ שווייגנדיקער, מיט ציטערנדיקע הענט, האָט דער טאַטע געמאָסטן די סחורה און דערביי העפלעך געבעטן, דער קונה זאָל אַזוי גוט זיין און אַליין אָפּשערן די סחורה, מוותר־זייענדיק דערביי אויפן געלט צוליבן חשש פון חילול שבת. מי שלא ראה — דער וואָס האָט נישט געזען דעם טאַטן אין יענעם מאָמענט, האָט נישט געזען אַ מענטש אין אַזאַ טיפער פאַרשעמונג און דעפּרעסיע. יענעם שבת האָבן די זמירות ביים טיש געקלונגען ווי קינות, אַ וויינענ־דיק קול האָט זיך געהערט פון טאַטן, פול מיט טרויער און פאַרלוירנקייט. ערשט ביים בענטשן ברכת המזון, האָט דער טאַטע אויפגעהויבן דאָס קול, און אין אַ טאָן פון בענקשאַפט און גאַרונג האָט ער זיך געבעטן: „ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה בימינו. ברוך אתה ד׳, בונה ברחמיו ירושלים, אמן !".

פון באַלד נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט דער טאַטע געטראַכט וועגן פאַרן קיין ארץ־ישראל. ער פלעגט אַ סך רעדן וועגן דעם קליינעם הייזעלע וואָס מיר וועלן פאַר זיך אויפ־בויען אין איינע פון די מושבות, און מיר וועלן באַאַרבעטן די ערד, הנאה־האָבן פון דער מי פון אונדזערע הענט און זיצן „יעדער איינער אונטער זיין וויינגאַרטן און אונטער זיין

פייגנבוים״. זיין געזונטער חוש האָט אים געזאָגט, אַז ער דאַרף איינפּאַקן די פּעקלעך, פאַרלאָזן דעם ״שמאַלץ־גרוב״ און אַנטלויפן. ביי יעדער געלעגנהייט, ווען עס זענען גע־קומען שליחים, אָדער ווען חלוצים זענען אָפּגעפאָרן אין לאַנד אַריין, האָט דער טאַטע פאַר זיי זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ וועגן זיין בענקשאַפט צום לאַנד פון די אבות. די ווירקלעכקייט איז אָבער געווען אַן אַנדערע. מן השמים האָט מען אים פאַרהאַלטן. אין סאַמע מיטן פון די ממשותדיקע הכנות צו עליה האָט זיך פלוצים אַראָפּגעלאָזט אויף אים אַ גרויזאַם אומגליק וואָס האָט צעשטערט די שלווה אין שטוב. דאָס איז געווען דער טויט פון מיין עלטערער שוועסטער, צוויי יאָר נאָך איר חתונה, געשטאָרבן איבערלאָזנדיק אַ קינד פון ניין חדשים. אַ גאַנץ יאָר האָבן די עלטערן נישט אויס־געטאָן די טרויער־מלבושים. אַלע שטוב־ענינים, דאָס גע־שעפט און דאָס אַרויספאָרן, זענען פאַרנאַכלעסיקט און פאַר־געסן געוואָרן. קוים אויסגעטשוכעט זיך פון דאָזיקן קלאַפּ, איז געקומען אַ נייע פּלאָג — די צווייטע שוועסטער האָט אָפן דערקלערט, אַז זי וועט נישט פאָרן קיין ארץ־ישראל, נאָר קיין רוסלאַנד... און אַז זי האָט חתונה־געהאַט מיט אַ בחור, אַ משכיל און העברעישער לערער וואָס האָט אויך געהאַלטן ביים זעלבן וואָס זי, האָט דער טאַטע שוין כמעט ווי רעזיגנירט. שיידן זיך מיט די קינדער האָט ער נישט גע־וואָלט, און אויך נישט געקענט.

אַ שטיקל פאַרגיטיקונג אין זיין טרויער און ייאוש איז געווען ווען איך האָב פאַר אים אויסגעדריקט מיין ווונטש, מיינע לימודים פאָרצוזעצן נישט אין פראַנקרייך אָדער בעלגיע, ווי אַלע חברים מיינע, נאָר דווקא אינעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. נישט געקוקט אויפן צער וואָס

איך וועל מער נישט זיצן ביי זיין טיש, איז צו זיין פרייד און שטאָלץ נישט געווען קיין שיעור. מיין עליה קיין ארץ־ישראל האָט פונדאַסניי צעפלאַקערט זיינע בענקשאַפטן, אַריינ־בלאָזן אין אים אַ נייע האָפענונג. צוויי מאָל האָט ער באַזוכט דאָס לאַנד, אויסגעפאָרן עס אין דער לענג און ברייט, גע־פאָרשט און באַקענט זיך מיט די באַדינגונגען, אויסגעאַרבעט די עליה־פּלענער. צוריקגעפאָרן איז ער פול מיט התפעלות פון דעם אַלעם וואָס ער האָט געזען, און ער האָט אַנטשלאָסן דעצידירט צו ליקווידירן דאָרט אַלע זיינע עסקים און עולה־זיין. מיטאַמאָל איז אָבער געקומען דער קאַטאַקליזם און אַ סוף געמאַכט צו אַלע זיינע חלומות. דאָס שיינע געפּלעגטע טאַטנס הויז איז געוואָרן חרוב ומוחרב. פון אונדזער גאַנצער גרויסער און פאַרצווייגטער משפחה זענען געבליבן נישט מער ווי געציילטע נפשות.

באַלעבאַטים, יידן חכמים און יוצאי־דופנס

נישט יעדער ייד אין שטעטל איז געווען אַזאַ טיפּ ווי ר' דודל און ר' שמעון — נישט אין גבורה און נישט אין עם־הארצות. אין דער אמתן קען מען זאָגן, אַז דאָס שטעטל ווי בעסאַראַביע בכלל, איז נישט געבענטשט געוואָרן מיט עוקר־הרים'ס. די צאָל למדנים האָט מען געקענט אויסרעכענען אויף

די פינגער פון איין האַנט. געווען אָבער יידן וואָס האָבן געקענט אַ ספר, אַזעלכע וואָס האָבן ליב־געהאַט אַריינקוקן אין אַ ספר און סתם באַלעבאַטים, יידן מיט שכל און פאַר־שטאַנד וואָס האָבן געקענט אַביסל חומש און אַביסל אגדה, געווען בקי אין אַלע געביטן פון לערנען און אָפט "אריינ־געקוקט" אין אַ משניות אָדער אין "עין־יעקב".

איך ווייס גוט: אַ סך פון זיי שטייען איבער מיר און בעטן זיך — געדענק און שרייב אונדז אַריין אינעם ספר! וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז דאָס שטעטל האָב איך פאַרלאָזט אויפן שוועל פון בר־מצווה, ווען איך בין אַרויסגעפאָרן לערנען אין גימנאַזיע און צוריקגעקומען בין איך בלויז אויף די פעריעס, אויף די זומער־חדשים. דערנאָך, ווען איך האָב געענדיקט די גימנאַזיע, בין איך עולה־געווען קיין ארץ־ישראל. איך בין, בכן, בלויז אימשטאַנד אָנצוצייכענען איי ניקע גע־שטאַלטן, בלויז אַזעלכע וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין יונג האַרץ און זיך אויפגעהיטן אין מיין זכרון.

איינער נאָכן אַנדערן דערשיינען זיי פאַר מיינע אויגן — תלמידי־חכמים, יידן מיט באָרד־און־פיאות, געקליידט אין לאַנגע קאַפאָטעס, און אַזעלכע וואָס זענען געגאַנגען אָנגעטאָן אין קורצער קליידונג מיט האַרטע קאַפעלאַטשן, אפילו אין דער וואָכנס. אַלע זענען זיי געווען כשרע, שלימותדיקע יידן, געהיטן יעדע קליינע ווי יעדע גרויסע מצווה און צוזאַמען מיט זייער אַרבעט און עסקים אין פעלד און וויינגאַרטן, אין די תבואה־שפייכלערס און אין די קרעמלעך, האָבן זיי נעכט פאַרוואַנדלט אין טעג און עוסק געווען אין תורה לשמה.

ווער געדענקט נישט ר׳ שעפטל דאַווידזאָן, וואָס איז אין משך פון פערציק יאָר נאָכאַנאַנד געווען שוחט און מוהל אינעם שטעטל, און חזן אין דער "קלויז". זיין פאָטער, הרב

ר' שמואל זאב, וואָס איז אויך געוועזן פערציק יאָר שוחט אין שטעטל, האָט זיין זון אָנגערופן שעפטל, ווייל אינעם טאָג פון "ברית" האָט ער גראָד פאַרענדיקט דאָס לערנען פון ספר "שפע טל" פון רבי שבתי שעפטיל בר' עקיבא הלוי הורוביץ, פעטער פון של"ה הקדוש. אַ ייד אַ בר־אוריין איז געוועזן ר' שעפטל, מחבר פון עטלעכע קונטרסים אין הלכות מילה און פדיון־הבן, און זיין הויז איז געוועזן אַ מוסטערהאַפט ציוניסטיש הויז.

ר' שעפטלס הויז איז כולו געשטאַנען אין צייכן פון דער "מאַכט פון געפיל". דאָ האָט געהערשט דאָס ווייב זיינס, מרת איידל פון דער משפחה האַכבערג. דאָס איז געוועזן אַן אשת־חיל, אַ שיינע און קלוגע פרוי וואָס האָט געפירט די שטוב און די פרנסה מיט שכל, פאַרשטענדעניש און חן. זי האָט באַשטראַלט דאָס הויז מיט איר גוטמוטיקן שמייכל, לייכטקייט, לוסטיקייט און געמיטלעכקייט. אָן איר וואָלט די שטוב געוועזן ווי אַ שיף אָן אַ רודער. זי האָט באַשטימט דעם דרך, דאָס לעבן און די מנהגים. ווען די באַלעבאַטים אינעם קלויז, וווּ ר' שעפטל איז געוועזן שליח־ציבור, האָבן געהאַט טענות הלמאי דאָס קול זיינס איז צו שוואַך, אַזוי ציטערנדיק, און עס קענען אים הערן בלויז די שיינע באַלעבאַטים אויף דער מזרח־וואַנט, האָבן ליצנים געזאָגט: "אַזוי האָט אויף אים אָפּנים גוזר־געוועזן מרת איידל, ער זאָל נישט צופיל אָנ־שטרענגען דאָס קול. ער קען זיך צופיל דערוואַרעמען און חס־ושלום פאַרקילן זיך". אַ סברא, אַז דאָס איז טאַקע זי, די קלוגע איידל, געוועזן די וואָס האָט געפועלט די גאַנצע משפחה זאָל פאַרלאָזן דאָס שטעטל און עולה־זיין קיין ארץ־ישראל (אינעם יאָר תרפ"ז), אַ שיינע פאָר יאָר פאַרן אומקום.

ווען עס האָט זיך צעטראָגן די שמועה, אַז ר' שעפטל פאַר־

קויפט זיין הויז און פאָרט קיין ארץ־ישראל, האָבן אַלע געשטוינט: צוואָס און פאַרוואָס? — אַ ייד וואָס האָט פּרנסה, אמת נישט אזוי בשפע אָבער אויך נישט אַזוי קאַרג, די זין זענען זיך צעפאָרן, ווער קיין אַמעריקע און ווער קיין ארץ־ישראל, צוואָסזשע דאַרפן צוויי אַלטע לייט "צעשטערן" אַזאַ שיינע און געפלעגטע היים, פאַרלאָזן דאָס אָרט וווּ זיי זענען געבוירן, געבויט זייער הויז און דערצויגן זייערע קינדער לתורה, לחופה ולמעשים טובים? קיינער אינעם שטעטל, וווּ דער רוב זענען געווען גוטע ציוניסטן און זייערע קינדער זענען אויך געפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט נישט משיג־געווען וויאַזוי מען קען דאָס "עוקר־זיין" פון אַזאַ שיין הויז און איבערפלאַנצן עס אין אַ לאַנד פון זאַמדן, פעלדזן און היצן.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, בין איך זיי געגאַנגען באַזוכן. איך האָב אַ סך געזוכט, ביז איך האָב געפונען די שכונה, איינע פון די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן אין ירושלים, און ביז איך האָב געפונען זייער וווינונג, אַ שיין באַשיידן צימערל, וואָס האָט פאַרכאַפּט מיט זיין ריינקייט און שטילער רו. דאָס איז געווען אַ נאָכמיטאָג פון אַ שיינעם יונגן האַרבסט־טאָג. ר׳ שעפּטל איז געזעסן ביים טיש, פאַר־טיפט אין אַ ספר. איידל וואָס איז געווען אַביסל געבויגן, איז געווען פאַרנומען מיט איר אַרבעט, זי האָט פאַראַכטן וועש און געצערעוועט זאָקן. תחילת האָבן זיי מיך נישט דערקענט. ווען איך האָב זיי געזאָגט ווער איך בין, האָבן זיי זיך שטאַרק דערפריידט. זיי האָבן מיך אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן אַלץ און אַלעמען, וועגן יעדן איינעם באַזונדער, פון גרעסטן ביזן קלענסטן, ווי עס גייט יעדן איינעם, וואָס ער טוט און וואָס ער מאַכט. ווען ר׳ שעפּטל האָט דערהערט, אַז דער ציל פון מיין

קומען קיין ארץ־ישראל, איז כדי צו שטודירן אינעם אוני־ווערסיטעט, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ לאַנגן דרוש, דורכ־געפלאָכטן מיט גימטריות און נוטריקין, כדי מיר גוט מסביר־זיין די ריכטיקייט פון דעם וואָס די חכמים האָבן געזאָגט, אַז "נישטאָ אַזאַ תורה ווי די תורה פון ארץ־ישראל, און נישטאָ אַזאַ חכמה ווי חכמת ארץ־ישראל", אַזוי ביז זיין יידענע, מרת איידל, האָט אים איבערגעריסן: — "אַזאַ חשובער גאַסט זיצט ביי אונדז אין שטוב און מיר נעמען אים אויף מיט רייד, מיט דרוש, און וואָס איז מכוח כיבוד?", און זי האָט זיך גלייך אַרויסגעלאָזט צו דער קוך, וואָס איז געשטאַנען אין חצר.

מיר זענען געזעסן, געטרונקען טיי מיט איינגעמאַכטס פון קערשן און געשמאַקע מערמלנע מאַן־קיכלעך וואָס זענען צעגאַנגען אין מויל, איידלס אייגענע אַרבעט. ר' שעפטל האָט געווישט די ברילן וואָס זענען פאַרלאָפן פון דער הייסער טיי און ווידער אָנגעהויבן אַ פּלפּולדיקן דרוש וועגן "אשת חיל מי ימצא". ער האָט געוואָלט אויפווייזן, אַז אַזאַ אשה אין געשטאַלט פון מרת איידל תחיה איז געשטאַנען אוודאי פאַר די אויגן פון דעם חכם מכל אדם, ווען ער האָט גע־זונגען יענעם וווּנדערלעכן קאַפּיטל פון ספר משלי. זי, איידל, איז געזעסן אַנטקעגנאיבער אונדז, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, מיט דאַרשט געשלונגען די רייד, פאַרוויטלט און געשיינט פון גליק. ווען ער איז צוגעקומען צום סוף פונעם פרק "ויהללו בשערים מעשיה", האָב איך געהאַט אַ גוטע גע־לעגנהייט אויף אַ לייכטן "אינטערמעצאָ" און איך האָב גע־פרעגט: "בלויז איר מאַן וועט זי לויבן, און די זין?", מיטן קלאָרן מיין, אַז אויך איידל אַליין וועט דאָ האָבן אַ געלעגנ־הייט עפּעס צו זאָגן. איך האָב טאַקע קיין טעות נישט

געהאַט. זי האָט אָנגעהויבן מיט גוטן טעם, און בקיצור, דערציילן וועגן דעם לעבן און די פּאַרלויפּעניש פון אירע קינדער און קינדס־קינדער און פריידיק פאַרענדיקט: ״אונ־דזערע קינדער, ברוך השם! איינער וויינט, דער אַנדערער לאַכט און דער מוזיניק זינגט!״. מיט דעם האָט זי געמיינט דעם בכור מנחם־מענדל, וואָס איז געווען אַן עסקן און שליח וואָס האָט געוואַנדערט איבער די שטעט פון בעסאַראַביע און גערופן דאָרט יידן מיט געוויין און קרעכץ צו פאַרלאָזן דעם פינצטערן גלות און פאָרן קיין ארץ־ישראל; דעם זון אפרים וואָס האָט ליב געהאַט געלעכטער און געמאַכט לאַכן את הרבים מיט זיינע צענטליקער פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס, וואָס ער האָט געשריבן און האָט רעדאַגירט צוויי זאַמלונגען הומאָר, פאָלקלאָר און סאַטירע; און דעם יינגסטן זון אליהו, וואָס האָט געלערנט אין אַ לאַנד־ווירטשאַפטלעכער שולע אין לאַנד, זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט און מקיים־געווען דעם ״הזורעים בדמעה ברינה יקצורו״...

ר׳ שעפטל איז, ווי געזאָגט, געקומען קיין ארץ־ישראל אין יאָר תרפ״ז, און דאָ איז ער נפטר־געוואָרן ז׳ טבת תש״ב, אין עלטער פון 87 יאָר.

ר׳ ברוך דאַווידזאָן, אַ קרוב פון ר׳ שעפטל, אַ ייד מיט אַ שאַרפן קאָפּ, שאַרפזיניק, בור סוד שאינו מאבד טיפה. האָט אַ סך געלערנט גמרא און פוסקים און אויך געווען מלא־וגדוש מיט וועלטלעכן וויסן, אַ פליייסיקער ערד־אַרבעטער געווען — אָבער אַן עני ואביון דאָס גאַנצע לעבן. אַזוי פיל פעיקייטן האָט ר׳ ברוך פאַרמאָגט, אַזוי פיל פרנסות געהאַט, אָבער נישט געזען אין זיי קיין סימן פון ברכה. אַ לאַנדווירט, פאַרמאָגט אַן אייגענעם וויינגאָרטן און וויין־קעלטער, געווען

בעל־קורא אין בית־כנסת, און אין אַ נויטפאַל — בוכהאַלטער אין באַנק, אַ מין גמילת־חסד־קאַסע, אָבער איבער אַלעם — אַ רעצידיווער ״בטלן״, פול מיט פאַנטאַזיעס, צעשטרייט ביז לעכערלעכקייט. אין דער ספר־תורה האָט ער געלייענט מיט אַ ניגון, מיט טראָפּ און אינטאָנאַציע, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. ער איז אָבער קיינמאָל נישט נכשל־געוואָרן מיט אַ גרייז פון אַן אות אָדער פאַרמישט דעם טראָפּ. די חשבונות אין ״באַנק״ האָט ער געפירט לויטן זכרון. ווען עס זענען געקומען צו אים חשובע באַלעבאַטים, נכבדים, און צווישן זיי דער רב, מיט דער טענה: ״הייתכן, ר׳ ברוך, ווי איז געמאָלט צו פירן חשבונות לויטן זכרון?״, האָט ר׳ ברוך געשמייכלט און דערביי אויסגערעכנט יעדן איינעם וויפל ער האָט באַקומען די הלוואה, ווען און וויפל ער האָט צוריקגע־צאָלט און וויפל ער דאַרף צוריקצאָלן ביז דעם און דעם טאָג...

ווען עס איז אַרויס אַ גזירה פון דער מאַכט, אַז בוכהאַלטערס דאַרפן דורכמאַכן מלוכהשע עקזאַמענס, האָט ר׳ ברוך זיך נישט אָפּגעשראָקן. אָן מורא איז ער אַרויסגעפאָרן אין דער קרייז־שטאָט, זיך געשטעלט צו די עקזאַמענס, געוואָרפן אַ בליק אויף דעם בויגן מיט פראַגעס, און איידער עמיצער האָט באַוויזן צו ענטפערן האָט ער שוין געהאַט געלייזט אַלע שאלות אויף אַ גלענצענדיקן און שלמותדיקן אופן. פון מויל צו אויער האָט מען דערציילט, אַז די עקזאַמינאַטאָרן, וואָס האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט ליבשאַפט צו יידן, האָבן דערביי געעפנט מויל און אויערן, געשטוינט און באַוואונדערט דעם מאָדנעם ייד מיטן משונהדיקן הולך און אָרעמע, פאַר־נאַכלעסיקטע מלבושים וואָס האָט זיי איבערראַשט מיט זיין זעלטענער תפיסה און שאַרפן שכל. אַ וואונדערלעכער בעל־

זכרון געווען, פונדעסטוועגן האָט ער קיינמאָל נישט געדענקט אָנצוטאָן ריכטיק זיין קאַשקעט. דער דאַשעק איז תמיד געווען פאַרוקט און אַ זייט, אָדער אויף רעכטס אָדער אויף לינקס, אָבער נישט אין אַ גלייכער ליניע מיט דער נאָז. ער האָט קיינמאָל נישט געדענקט אָפּצופּוצן זיינע שוך, אויסקעמען די באָרד אָדער אויסבערשטלען די קאַפּאָטע. ווען משפחה און פריינט האָבן אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיין אָפּגעלאָזטן לבוש האָט ער, ווי זיין שטייגער, געענטפערט מיט אַ שאַרפזין: "די חכמים אין ועמענס מחיצה איך פאַרברענג די נעכט, כדי מקיים צו זיין דעם "לא איברי סיהרא אלא לגירסא" (די לבנה איז באַשאַפן געוואָרן נאָר כדי צו לערנען אין איר שיין), זענען מיט מיר נישט מקפיד אין הילך און לבוש, און אויב זיי זענען פון מיר צופרידן, וואָס־זשע קלאָגט איר זיך אויף מיר ?".

ר׳ יחיאל פינטשעווסקי, אַ ייד אַ משכיל און אַ בעל־רכוש, אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס, אַ מעורב בין הבריות, אַ גוטמוטיקער, אַ בעל־מידות. זיין הויז ווו מען האָט גערעדט נאָר רוסיש איז געווען פול מיט אָפענער קעגנערשאַפט צום ציוניזם און צו אַלע מעשים און שטרעבונגען פון די ציוניסטן.

מפה לאוזן האָט מען זיך דערציילט, אַז די טאָכטער פון ר׳ יחיאל האָט אָפּגעוואָרפן אַ זייער שיינעם און בכבודיקן שידוך־אָנבאָט ווייל דער חתן, אַ לערנער וואָס האָט געקענט גוט ש״ס און פוסקים האָט אָבער נישט געקענט קיין רוסיש, און די רוסישע ליטעראַטור איז פאַר אים געווען אומבאַקאַנט. אידל, ר׳ יחיאלס זון, האָט מען געזען אין בית־כנסת בלויז זעלטן ווען, און אַז ער האָט חתונה־געהאַט מיט דער צאַרטער

שיינער רחילקע און דעם ערשטן שבת נאָך דער חתונה גע־
מוזט די גאַנצע צייט פון דאַווענען שטייען ביים שווער ר׳
חיים קאָרנבליט, אויף דער מזרח־וואַנט פון דער ״קלויז״,
האָט ער זיך געפילט ווי אַ לייב אין דער שטייג. נאָכן דאַ־
ווענען האָט אידל דערציילט פאַר זיינע חברים: ״איך בין פון
דאָרט אַרויס אַן אויסגעקוועטשטער, מיד און דערשעפּט, ווי
איך וואָלט פאַרלאָרן הונדערט וואָגנס תבואה״...

ר׳ אברהמל אָקסנפעלד, אַ ייד מיט אַ הדרת־
פּנים, אַ הויכער און פעסטער, אַן ערד־באַזיצער, אַ פאַרמעג־
לעכער. זיין איינדרוקספולער אויפטריט, זיין לאַנגע באָרד,
און די גאַנצע פירונג פון זיין הויז האָט געשמעקט מיט
נגידות. אַ משכיל און פלאַמיקער ציוניסט איז ער געווען
און אין דעם גייסט האָט ער דערצויגן זיינע קינדער, וואָס
האָבן געשלאָגן וואָרצלען אינעם לאַנד. זיין הויז, אַ גרויס
שיין און געפּוצט הויז מיט גרויסע הויכע צימערן (אַלץ לויט
זיין מאָס!), אַ ברייטער בריווחדיקער הויף מיט אַ ברונעם
אינמיטן, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מיניאַטור־מלכות
אין סאַמע הארץ פונעם שטעטל. ווען איך בין געגאַנגען צו
אָט דעם ברונעם שעפּן קוואַליק דערקוויקנדיק וואַסער אין די
הייסע זומער־טעג, פלעגט ער ליב האָבן מיט מיר צו שמועסן
וועגן פּאָליטיק בכלל און ענינים פון ארץ־ישראל בפרט.
ענינים פון וייטן ארץ־ישראל זענען אים געווען קלאָרער און
נעענטער צום הארץ ווי די ענינים פון דער מדינה, אין
וועלכער עס האָט געלעבט ער און זיינע אבות און אבות
אבותיו. ווען ער האָט גערעדט וועגן ארץ־ישראל האָט זיין
פּנים אָנגענומען אַן אויסדרוק פון גאַנצקייט און חלום, ער
האָט דערביי אויסגעזען ווי אַ קינד וואָס דערציילט זיך אַליין

אַ פּאַרכאַפּנדיקע לעגענדע. אין איינעם אַ טאָג, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד און געלערנט מיט קינדער אין חדר, האָט ער זיך צו מיר געווענדט און געזאָגט: — ״חיימל, דו וועסט פאָרן קיין ארץ־ישראל און וועסט לערנען תורה אינעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וואָס איז איצט געעפנט געוואָרן אויפן הר־הצופים״. דערביי האָט ער, ווי דער שטייגער, אונטערגעשטראָכן די ״ריש״ וואָס האָט אַפּט געקלונגען ביי אים ווי אַ לאַנגע אָן־סופיקע גאָרגלניש. כ׳בין מודה, אַז דעמאָלט האָב איך אפילו נישט געוווּסט וואָס ער רעדט...

מיט דער צייט, ווען איך האָב באַזוכט דעם טאַטנס הויז שוין אַלס סטודענט פונעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, האָט מיר ר׳ אברהמל דערמאָנט זיין נביאות און צוגעגעבן מיט אַ גוטמוטיקן צופרידענעם שמייכל אויף זיין פּנים: — ״ובכן, אַזוי ווי איך האָב פאָרויסגעזאָגט אַזוי איז געשען. נאָר וואָס דען? — צו לערנען דאָ אָדער אין איינע פון די שכנותדיקע גלות־לענדער צווישן גויים?״. דערביי האָט ער מיך געבעטן דערציילן אים וועגן מיינע לימודים, לערערס, און דער עיקר — וועגן ירושלים. אַז איך האָב געענדיקט, האָט ער ווידער געפרעגט: ״פונעם פענצטער פון זאַל ווו די ערסטע די לעקציעס אין אוניווערסיטעט אויפן הר־הצופים, זעט מען טאַקע דאָס דאָרף ע נ ת ו ת, ווו ירמיה הנביא איז געבוירן? איז דאָס ריכטיק וואָס דו דערציילסט?״ און פון זיינע רייד איז אויפגעגאַנגען אַ טאָן פון בענקשאַפט, טרוים און לעכצענישן אָן אַ שיעור...

ר׳ נפתלי אָקסנפעלד, דער ברודער פון ר׳ אברהמל, איז אויך געווען אַ הויכוווקסיקער, אַ ייד מיט אַ שוואַרצער

באָרד, גוטמוטיק פּנים און שמייכלענדיקע פּאַטערלעכע אויגן. זיין הויז איז געשטאַנען ביים ״קלויז״, נישט אַזוי געראַם ווי זיין ברודערס הויז, אָבער האָט אויך געאָטעמט מיט באַלעבאַטישקייט, באַקוועמלעכקייט, גוטע אַטמאָספער און פאַמיליאַרע וואַרעמקייט. ווי אַ סך אַנדערע אין שטעטל, האָט אויך ער נישט געהאַט בלויז איין פּרנסה. ער האָט מקיים־געוועזן דעם מאמר חז״ל: ״לעולם ישליש אדם את מעותיו — שליש בקרקע ושליש בפרקמטיא ושליש תחת ידו״ (בבא מציעא מ״ב). דאָס דריטע חלק, ״תחת ידו״, האָט ער דעם אמת זאָגנדיק נישט מקיים־געוועזן צוליב איין פּשוטן טעם, צוליב דחקות! ער איז געוועזן אַן איש תם וישר, געהאַט פולן צוטרוי צו יעדן איינעם, ייד אָדער נישט־ייד, דעריבער איז ער נישט איינמאָל אָפּגענאַרט געוואָרן און פאַרלוירן דאָס געלט. דעם עול הפּרנסה פון האנדל (ער האָט געהאַט אַ קראָם מיט טעקסטיל, אַלע מינים שוכוואַרג, קאַלאָשן אדג״ל), האָט ער בעיקר אַרויפגעלייגט אויפן ווייב, אַן אשת חיל! מען האָט דערציילט אַז פון דעם געשעפט איז קיינער קיינמאָל נישט אַרויס ליידיק. האָט דער קונה געוואָלט אַ שטיקל סחורה וואָס האָט זיך גראָד נישט געפונען דאָרט, האָט ער געקויפט אַ פּאָר שוך אָדער קאַלאָשן וואָס ער האָט בכלל נישט בדעה געהאַט צו קויפן, ווייל די סחורה איז דאָרט געווען בשפע...

אַ דינאַמישער מענטש איז געווען ר׳ נפתלי, תמיד פאַרנומען, באַשעפטיקט. ער איז געלאָפן צו זיינע עסקים ווי ער וואָלט געווען דער עושר אין שטעטל. פאַקטיש האָט ער אָבער כל ימיו געלעבט אין דחקות. ווען נישט דער עול פּרנסה, ווען ער וואָלט געהאַט אַ ברירה, וואָלט ער זיכער בעסער געוואָלט זיצן אין בית־מדרש און עוסק זיין אין

לערנען תורה. ווער עס האָט אים נישט געזען ביים דאַווענען, נישט בלויז שבת און יום־טוב נאָר אויך אין דער וואָכנס, ביי שחרית, מנחה אָדער מעריב, האָט אין לעבן נישט געזען קיין מער געלאַסענעם און צופרידענעם מיט זיך מענטש. ערשט ביים דאַווענען האָט ער זיך צוריקגעפונען, אַנטפּלעקט זיין אמתער פּערזענלעכקייט, זיין אמתן איך. אין דער וועלט פון גייסט האָט ער זיך געפילט פעסט, זיכער און פיל גליק־לעכער. ער האָט ליב געהאַט תורה און זיינע קינדער (צוויי טעכטער און אַ זון וואָס האָבן געשלאָגן וואָרצלען אין לאַנד), האָט ער געגעבן אַ שיינע דערציונג, אַריינגעפלאַנצט אין זיי ליבשאַפט צו אַרבעט און די בענקשאַפט נאָך ציון.

ר׳ שלום העלגורט (״שלום דער פּוילישער״), אַ ייד אַ בעל הדרת־פּנים, אַ הויך־וווקסיקער, מיט אַ לאַנגער ווייס־געפלעגטער באָרד, זיין פּלאַץ איז געווען אויף מזרח־וואַנט אין דער ״קלויז״. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון קלויז, שבת אָדער יום טוב, ער אין שפּיץ און נאָך אים זיין ווייב גינענדל (אַ ספּעציאַליסטן צוריק אַריינצוזעצן אַן אויס־געלענקט איבר, אַ ברוך אָדער סתם אַן אויסלענקעניש) מיט זייערע זיבן זין, הויכע און שלאַנקע ווי שטייענדיקע ציפּרעסן, האָסטו געפילט אַז דאָ האָסטו פאַר זיך נישט קיין משפחה נאָר אַ גאַנצן שבט, פול מיט דביקות און וואָרצלדיקייט. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז ר׳ שלום העלגורט גע־גאַנגען קומה־זקופהדיק, הויך משכמו ומעלה, און גינענדל זיין ווייב איז געווען ווי ש״י עגנון שילדערט: ״אַ ווייב אַ קינדערהאָבערין, אַ מאַנצבילישע און אַ קלוגע״.

ר׳ שלום העלגורט איז געשטאָרבן עטלעכע יאָר פאַר גינענדלען. יעדן טאָג, אין די נאָכמיטאָג־שעהען האָט אים

גינענדל "באַזוכט" אויפֿן בית־הקברות. אַז מען האָט זי געפֿרעגט: "גינענדל וואָהין גייט איר?" פֿלעגט זי מגיה־וביה ענטפֿערן פּשוט און איינפֿאַך: "כ'בין געוועזן ביי מיין שלום און אים דערציילט וואָס עס האָט היינט פּאַסירט".

בעת איינעם פֿון מיינע באַזוכן אין מיין פֿאָטערס הויז, ווען איך בין שוין געוועזן סטודענט אינעם העברעישן אוני־ווערסיטעט אין ירושלים, האָב איך אַמאָל געזען גינענדלען אין אַ פֿאַרנאַכט פֿון אַ הייסן זומערדיקן טאָג ווי זי לויפֿט אין גאַס אַ פֿאַרסאָפּעטע, אַ פֿאַרזאָרגטע. "וואָס האָט פּאַ־סירט?" — גינענדל האָט דערציילט אַ פֿאַרזאָרגטע: "איך זוך מיין קינד! פֿון מיטאָג אָן איז ער נישטאָ, ער איז נעלם־געוואָרן פֿון שטוב. איצט דאַרף מען שוין עסן וועטשערע, און מען זעט אים נישט". דאָס "קינד" איז געוועזן בישט ווייניקער ווי אַ יונגער אינזשיניער, וואָס האָט נאָרוואָס פֿאַרענדיקט די לימודים אין דער טעכנישער הויכשול. גינענדלס בן־זקונים, אַ הויכער, איבער אַ מעטער אַכציק, איז געזעסן אין דעם מאָמענט ביי דער אַפּטייקערין שרה לאַבער אין דער געזעל־שאַפֿט פֿון יחזקאל קאַמאַראָוו, בערל ראַשקאָווסקי, מאָטל שמוקלער, פּערל קאַרנבליט און אַנדערע, און האָבן געטרינקען טיי פֿון סאַמאָוואַר און געהערט ראַדיאָ — דער איינציקער ראַדיאָ־אַפּאַראַט אינעם שטעטל!

ווען זי האָט סוף־כל־סוף געפֿונען דאָס "קינד" אירס, האָט גינענדל אַ קלאַפּ געטאָן די הענט און אויסגערופֿן: "וואָס איז דער וווּנדער וואָס דו ביזט אַ בינטל ביינער און נישט מער, אַזאַ איינדאַרעניש, אַז אַנשטאָט וועטשערע זיצטו דאָ, טרינקסט טיי און הערסט זמירות"...

ר' מאיר ווייַנבערג, דער גאַנצער אויסזען זיינער

איז געווען ישוב־הדעת און געלאַסנקייט. געגאַנגען איז ער מיט פּאַמעלעכדיקע טריט, אַנגעטאָן באַשיידן, גערעדט רואיק, כמעט בלחש, אַלץ סימנים וואָס האָבן עדות געזאָגט וועגן אים ווי אַן ערד־מענטש אין אַלע זיינע רמ״ח אברים. אַן אויס־געשפּראָכענער שווייגער געווען. דאָס האָט ביי אים געגרע־נעצט מיט שעמעוודיקייט. דאָס הויז איז געווען אַ הויז פון אַ לאַנדווירט לויט אַלע כללים, געבוי ווי אַלע פיר און צוואַנ־ציק שעה אין מעת־לעת האָט ער שווער געאַרבעט. בחדרי־חדרים, אין די טונקל געשמאַק־איינגעאָרדנטע צימערלעך ווו ער האָט זיך פאַרטיפט אין די ספרי־קודש פון זיין רייכער ספרים־שראַנק ווי אויך אין ביכער פון דער העברעישער און רוסישער ליטעראַטור, האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון רו־איקייט און שלווהדיקייט, זאַטקייט און זיכערקייט.

ר׳ יאָסל וויינבערג, אַ קרוב פון ר׳ מאיר, אויך אַן ערד־מענטש, אָבער די הצלחה האָט אים נישט צוגעשפּילט. פונדעסטוועגן האָט דאָס הויז זיינס געשטראַלט מיט ניגון! דער פאָטער און צוויי פון זיינע זין האָבן געשפּילט פידל און גיטאַרע, לויטן געהער אַליין, אָן שום נאָטן. די ניגונים וואָס האָבן זיך געטראָגן פונעם דאָזיקן הויז, באַזונדערס אין די זומערדיקע נעכט, האָבן זיך געהערט פון איין עק שטעטל ביזן צווייטן עק און געמאַכט אויפציטערן הערצער. איינער פון זיינע זין, מאיר, וואָס איז לעבנגעבליבן נאָכן אומקום און וווינט איצט ערגיץ־ווו אין רוסלאַנד, ביי וועמען איך האָב געלערנט שפּילן פידל, פלעגט זאָגן: ״אַ פידל איז נישט קיין ברויט און נישט קיין וואַסער. ברויט — אַז מען עסט עס איז מען זאַט, מיט וואַסער שטילט מען דעם דאָרשט, בעת דאָס שפּילן מיט פידל האָט נישט קיין גרענעץ, וואָס מער

דו שפּילסט איז אַלץ בעסער״. איבעריק צוצוגעבן אַז קיין שום אַוונט אין שטעטל האָט נישט געקענט פּאַרקומען אָן מאירן, אָפּטמאָל אויך מיט דער באַטייליקונג פון עטלעכע תלמידים זיינע, און איך בתוכם. ביים שפּילן פלעגט מאיר האַלב־פאַרמאַכן די אויגן, איינבייגן זיין גרויסן גוף, צודריקן מיטן גאַנצן כוח דעם פידל צו דער גאָמבע. אויסגעזען האָט ער דערביי ווי ער וואָלט געשוועבט ווייט־ווייט, אין דער וועלט פון חלומות און האַלוציניאַציעס, אין וועלכער ער האָט זיך געפילט בעסער, באַקוועמער ווי אין דער גרויער ווירק־לעכקייט אַרום אים...

ר׳ איציק (יצחק) דער ״פּאָליטיקער״, אַזוי האָבן מיר קינדער אים גערופן. געוועזן איז ער נישט מער ווי אַ קלייגער תבואה־סוחר, אַ בלינדער אויף איין אויג און אָן קינדער וואָס האָט ליב געהאַט צו לייענען צייטונגען, פאַר־שטייט זיך אין יידיש, און דערביי מאַכן זיינע פּירושים וועגן מצב אויף דער וועלט בכלל און מצב אין דער מדינה בפרט. ער האָט קיינמאָל נישט אַבאָנירט קיין צייטונג, און נישט געקויפט קיין צייטונג פאַר זיין געלט. מיין פאָטער איז געוועזן אַבאָנירט אויף ״אונזער צייט״, די איינציקע טאָג־צייטונג אין בעסאַ־ראַביע וואָס איז דערשינען אין קעשענעוו און איז אָנגעקומען צו אונדז דורך דער פּאָסט דריי־פיר טעג נאָכן דערשיינען. ר׳ יצחק איז געוועזן דער וואָס איז געגאַנגען אין פּאָסט, גע־בראַכט פון דאָרט די צייטונג, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ווערענדע ביים הויז אויב דאָס איז געוועזן זומער־צייט אָדער אינעווייניק אין שטוב ווינטער־צייט און געלייענט הויך, אויפן קול. דאָס לייענען זיינס איז געוועזן אין טעמפּאָ און אַ ליי־ענען אונטער דער באַז, אַז קיין שום ילוד אישה איז נישט

געוועז אימשטאַנד צו פאַרשטיין וואָס ער לייענט. דערביי פלעגט ער מאַכן זיינע אייגענע פירושים און אַרויסזאָגן זיין מיינונג, וואָס פאַראַ מאמר איז גוט און וואָס פאַראַ מאמר טויג אויף כפרו6. צום מייסטן האָט ער הנאה געהאַט פון די פעליעטאָנען פון "אידל מלמד", פסעוודאָנים פונעם באַקאַנטן שאַרפזיניקן זשורנאַליסט מיט אַ שאַרפער פעדער י. וויינשטיין, וואָס האָט גוט באַלויכטן ענינים און רעאַגירט אויף געשעענישן, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט דער פרשה פון דער וואָך, מיט מימרות און אגדות פון תלמוד און פון די מדרשים. ר' איציק פלעגט זיך דערביי צעשמעלצן פון נחת. געלייענט איינמאָל און נאָכאַמאָל. די פעליעטאָנען פון אידל מלמד פלעגן ביי אים דעריבער באַקומען די העכסטע צייגענישן, און זיי זענען טאַקע געווען אַ וווּנדערלעך געוועב פון יידישער חריפות, נאַטירלעכע פקחות און לייכטן פאָלקסטימלעך־פאַרכאַפנדיקן סטיל. דערביי פלעגט ער אויסטרינקען אַ היבשע פאָר גלעזער טיי, וואָס מיין מאַמע האָט אים דערלאַנגט. פאַר דעם האָט ער ספּעציעל פאַר איר געמאַכט אַ קורצן איבערבליק איבער די ידיעות מיט זיינע אייגענע פירושים און השערות, כולו געשעפּט פון זיין פאַנטאַזיע און אָן שום רעאַלן באָדן. וויבאַלד ווידער עמיצער האָט געוואָגט נישט מסכים צו זיין מיט זיינע מיינונגען, איז ער אים באַפאַלן און אויפגעוויזן אַז יענער פאַרשטייט נישט וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט. ר' יצחק האָט געהאַט אַ מאָדנע קול — אַ שטים וואָס איז געקומען פון דער ברוסט און נישט פונעם האַלדז. אונדז קינדער האָט דאָס קול געשראָקן, אויך ווען ער האָט געפּרוּווט אונדז מכבד־זיין מיט זיסוואַרג. אויך ביי דער שטילער שמונה־עשרה, האָט זיין קול זיך געהערט ווייט אויסער די ווענט פונעם בית־המדרש. חברה ליצנים

וואָס האָבן גראָד שפּאַצירט אין דרויסן, האָבן דערביי גע־פרעגט: ״דאָוועגט ר׳ יצחק, אָדער ער שרייט אויף די מתפּללים, ער שייגעצט זיי אויס?״.

ר׳ פּסח פרומערמאַן, אַ בכבודיקער תבואה־סוחר און זיין הויז, אַ קליין נידעריק הייזל, מיט קוואַדראַטנע קליינע פענצטערלעך, איז געשטאַנען אַנטקעגנאיבער דער קלויז. אַ האַלב־טונקל פּאָדערהויז האָט געפירט אין שטוב אַריין ווו עס האָט געוווינט די משפּחה, און אַ זייטיק צימערל, אינ־גאַנצן ד׳ אויף ד׳, מיט אַ ענג קוכל איז פּאַרדונגען געוואָרן צו ווייטע קרובים אונדזערע, ר׳ סאַניע (נתנאל) דעם בלינדן מיט זיין ווייב, וואָס האָבן קיין קינדער נישט געהאַט. ר׳ סאַניע איז געווען אַ מין ״כל־בו״ אַ קלייגער תבואה־הענד־לער, אַ מעקלער און אונטערנעמער ביים אויפסילען טאַבאַק־בלעטער. ביי די־אַ אַרבעטן, וואָס זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך זיין ווייב, האָט ער בדרך־כלל באַשעפטיקט קינדער, און מיך בתוכם. ווען איך בין געקומען אויפמאַנען מיין לוין, האָט ער מיר אָפּגעפּטרט מיט אַן אַרויסדריי: ״דעם חשבון וועל איך שוין דערליידיקן מיטן טאַטן דיינעם״. דערהערט דעם ענטפער האָב איך מוותר־געווען אויפן לוין, ווייל די אַרבעטס־שעהען ביי אים זענען געווען אויפן חשבון פונעם ״חדר״, וואָס איך האָב געהאַט פאַרלאָזט...

אין די קליינע ענגע צימערלעך פון דאָזיקן הויז האָט געהערשט אַן אַטמאָספער פון רו, שטילקייט און מוסטער־האַפטער ריינקייט. ר׳ פּסחס ווייב פלעגט דערציילן מיין מאַמען, אַז אירע זין — קיין מיידלעך האָט זי נישט געהאַט — העלפן איר אין אַלע שטוב־אַרבעטן ממש ווי מיידלעך, און איר איינציקע תפילה איז, אַז אירע שנירן זאָלן וויסן

אָפּצושאַצן וואָס פאַרא גוטע מענער זי האָט פאַר זיי דערצויגן.

ר׳ פּסח איז געווען אַ נידעריקער מיט אַ ווייס האָבער־בערדעלע, געווען פון די ערשטע מתפללים פון דער קלויז. זיין שטענדיק זיך־אָרט איז געווען אַנטקעגנאיבער דעם ארון־קודש. פון אַלע תפילות האָט ער ספּעציעל ליב־געהאַט דאָס ראש־חודש־בענטשן. ביי "הלל" האָט מען אים געהערט פון איין עק קלויז ביזן צווייטן. "השמים שמים לד׳" — האָט ער זיך געגאַרגלט מיט זיין קול אינטאָנירנדיק יעדעס אות, ווי עס וואָלט אים אַ שאָד געווען צו פאַרענדיקן, זיך צעשיידן מיט דער דאָזיקער תפילה, וואָס איז אים אָפּנים געווען צום האַרץ. און אַז דער חזן איז צוגעקומען צום "אם הבנים שמחה" האָט אים אונטערגעהאַלטן ר׳ פּסח מיטן גאַנצן כוח און בקול רם. ר׳ ברוך דאַווידזאָן האָט דערביי זיך געוויצלט ווי זיין שטייגער און געזאָגט: "ר׳ פּסח זינגט זיך אַזוי אונטער ביים "אם הבנים", ווייל ער איז געבענטשט מיט זין, ווען ער וואָלט געהאַט טעכטער וואָלט ער זיך נישט אַזוי געפריידט".

ר׳ יואל — מיין פעטער. אַ נידעריק יידל, מיט אַ געלבלעך בערדל, תמיד געגאַנגען אין זיידנס און געווען אַ גרויסער שווייגער — אַזאַ איז געווען מיין פעטער ר׳ יואל, אַ ברודער פון מיין זיידן פון דער מאַמעס צד. מיר האָבן אים קיינמאָל נישט געהערט רעדן סתם. ער האָט בלויז געמאַכט זיינע באַמערקונגען, דערביי גוטמוטיק געשמייכלט און דערמאָנט אַ מאמר חז״ל אָדער אַ פאָלקסווערטל וואָס האָט געטראָפן גלייך אין פינטל, ווי ער וואָלט אונדז געוואָלט לערנען ווי אַזוי מען דאַרף רעדן: בקיצור, שפּאָרן אַ וואָרט, דירעקט צו דער זאַך. מער פון אַלץ האָט ער פיינט געהאַט לאַנגע שמועסן און רכילות; רכילותניקעס האָט ער באַ־

טראַכט ווי גנבים און שווינדלערס און געטענהט, אַז אַן אַנ־שטענדיקער מענטש דאַרף זיין נזהר צו געפינען זיך אין זייער מחיצה; שוין אָפּגערעדט אַז ער טאָר מיט זיי נישט וווינען אונטער איין דאַך. אויף זיין אָרטביים מזרח־וואַנט אין בית־הכנסת האָט ער מוותר־געווען, ווייל אין שכנות איז געזעסן אַ ייד אַ כעסן און פּלאַפּלער.

אַן איש תם וישר איז ער געווען, אַ גוטהאַרציקער און אַן אָרנטלעכער מענטש, ער האָט געטאָן דעם רצון פון פאָטער אין הימל און געווען אַ חסיד בכל מעשיו — אַזוי כלפי־חוץ און אַזוי לגבי זיינע אייגענע בני־בית. ווען זיין עלצטער זון איז געקומען אַראָפּרעדן זיך פאַר אים פון האַרץ און דערציילט וועגן דער ביטערער פּרנסה, וועגן זיין שווער לעבן און נע־ונד איבער די דערפער אַ גאַנצע וואָך און זיין ווילן זיך אַרויסצורייסן פונעם ענגן שטעטל, לטובת אים און לטובת די אונטערוואַקסנדיקע קינדער — האָט דער פעטער מיינער רו־איק אויסגעהערט אים, געוואָרפן אויף אים אַ לייטזעליקן, לאַנגן דערבאַרעמדיקן בליק און לסוף געפּטרט אים מיט אַ גלייכווערטל און געציילטע ווערטער: ״נו, יאָ — שווער איז פּרנסה ווי קריעת ים־סוף״. דער זון האָט פאַרשטאַנען, אַז דערמיט איז דער שמועס געענדיקט און ער קען מער נישט וועגן דעם רעדן. איז געקומען אַמאָל צו אים איינע פון זיינע טעכטער און אַראָפּגערעדט זיך דאָס ביטערע האַרץ: זי איז מטופל מיט מיידלעך און די עלטסטע איז שוין צייט חתונה־צו־מאַכן, בעת דעם מאַן גייט מיט דער פוטער אַראָפּ, האָט נישט קיין פּרנסה. איבער נאַכט זענען אויפגעקומען בייע מילן און קיינער דאַרף מער נישט זיין קליינע ווינט־מיל. האָט ער אָנגעשטעלט אויף איר זיינע גוטע אויגן און אָפּ־געפּטרט כלאחר יד: ״נו, יאָ — ברוך ד׳ יום יום, דער עיקר

איז בטחון, ד׳ ירחם״. כאָטש ער האָט נישט געקענט העלפן זיינע זין און טעכטער אין אַ נויט, ווייל ער אַליין איז אויך געווען כל ימיו אַן עני ואביון, זענען זיי אָבער תמיד אַרויס פון אים געשטאַרקט און געטרייסט; זיינע געלאַסענע, ווייניקע רייד האָבן אַריינגעגעבן אין זייער האַרץ גלויבן און בטחון, פאַרטריבן דעם אומעט און זאָרג, ווייניקסטנס אויף אַ שטיקל צייט.

״יאה עניותא לישראל״ — אָרעמקייט פּאַסט דעם ייד! דעם מאמר חז״ל פלעגט ער איבערחזרן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, און האָט אים אַליין מקיים־געווען בגוף ובנפש. קיין שום נויט האָט מען נישט אָנגעזען אין זיין שטוב, ווייל ער האָט געוווסט צו זיין אַ מסתפק במועט, זיך באַנוגענען ממש מיט אַ קב חרובין פון איין ערב שבת צום אַנדערן. די ריינקייט און אָרדענונג אין זיין וווינונג און אין דער הלבשה האָבן אַ סך געבראַכט צום טעות צו מיינען, אַז ער געהערט צו די עשירים אינעם שטעטל. פאַקטיש איז ער געווען נישט מער ווי אַ קליינער תבואה־סוחר. דאָס מסחר איז אמת כל־ימיו געווען ביי אים נישט מער ווי אַ צוגאָב, אַ נעבן־זאַך. דער עיקר? — דער עיקר איז ביי אים געווען זאָגן ת ה י ל י ם. דאָס ספר תהילים איז געווען ביי אים דער סוד און עסענץ פון זיין לעבן, דערמיט זענען געווען פאַרבונדן אַלע זיינע איבערלעבענישן. אַלע הבלי העולם הזה זענען ביי אים געווען נישט מער ווי דברים בטלים מיט וועלכע דער מענטש מאַטערט זיך און פאַרלירט אומזיסטע כוחות.

זיין סדר־היום איז געווען ווי לויט אַ פּינקטלעכן זייגער — ער האָט פּעדאַנטיש אָפּגעהיט יעדע רגע. ווי נאָר ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער אָפּגעגאָסן די נעגל און אָנגעהויבן עוסק־זיין אין דער שטוב־ווירטשאַפט: פאַרבריט מילך, טיי,

געגעבן צו עסן די עופות, אַביסל זיך געזוימט אינעם שכנות־
דיקן תבואה־שפּייכלער ביי זיין הויז, ווינטער־צייט אָנגעהאַקט
האָלץ צום הייצן אין אויוון און אָנגעשעפּט עטלעכע עמערס
וואַסער פונעם נאָענטן ברונעם — דאָס אַלץ האָט ער געטאָן
זאָגנדיק קאַפּיטלעך תהילים. נאָכן ענדיקן די אַלע מלאכות
האָט ער ווידער געוואַשן די הענט, אויסגעטאָן די אַרבעטס־
בגדים און אָנגעטאָן די זיידענע קאַפּאָטע, וואָס איז תמיד
געוועזן ריין און אויסגעפּרעסט, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אַרויס
פון שניידערס האַנט, און איז מיט קליינע געמאָסטענע טריט
אַוועק אין בית־כנסת. אויפן האַרץ איז אים דערביי געוועזן
גוט, דאָס פּנים האָט באַדעקט אַ שלווהדיקייט. ער איז געוועזן
פון די וואָס זענען פרי אויפגעשטאַנען און ערשט שפּעטער
אַוועק פון בית־כנסת, אָבער נישט כדי דאָרט צו שמועסן
דברים בטלים אָדער אין מסחר־ענינים, נאָר כדי צו זאָגן תהילים
אין דער שטילקייט פון בית־כנסת, אינגאַנצן אריינגעטאָן אין
זיך, איזאָלירט פון מענטשן, ווי אָפּגעזונדערט אין אַ קיילעך,
באַשיצט און באַשירעמט פון אַלע וועלט־פּלאָגענישן. דאָס
זיסע קול זיינס איז געווען פול מיט השתפכות־הנפש, האָט
אָנגעפולט דעם גאַנצן בית־כנסת און דערגאַנגען ביז אונדזערע
אויערן, צו די אויערן פון די יינגלעך אינעם שכנותדיקן "חדר",
און האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן פייגל־צוויטשעריי און
ביימער־גערויש אין איין פאַרכאַפּנדיקער מעלאָדיע. שטאָלץ
און גאווה האָבן אָנגעפולט מיין יונג האַרץ, ווען איך האָב
אַריינגעקוקט דורך די שפּאַרעס פונעם ליידיקן בית־כנסת פון
וועלכן עס האָט זיך געטראָגן דאָס קול פון פעטער ר׳ יואל;
מיטאַמאָל האָט דאָס דאַזיקע פּשוטע קליין און שעמעוודיק
יידל אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַן אַלטער צעדערבוים,

ווען קיין שום בייזע ווינטן אין דער וועלט וועלן נישט רירן פון אָרט, פון זייִנע טיפע וואָרצלען...

צוריקגעקומען פון תפילת שחרית האָט ער אונטערגעלענט דאָס האַרץ און אַרויס צו זיין אַרבעט, קויפן און פאַרקויפן אַביסל תבואה. אַלץ מיט "קול דממה דקה", אין געציילטע ווערטער, כמעט ביי אַ פולן שווייגן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געדונגען, נישט געפירט קיין לאַנגן משא־ומתן. האָט דער קונה אָדער פאַרקויפער מסכים־געווען צום פרייז וואָס ער האָט אָנגעבאָטן אָדער פאַרלאַנגט — איז גוט, אויב נישט — איז ער זיך געגאַנגען זיין וועג. געניטע סוחרים האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ בקיא אין תבואה־ענינים און אפילו באַוווּנדערט וואָס ער איז קיינמאָל נישט נכשל־געוואָרן צו קויפן שלעכטע סחורה. דעם איבערגעטריבענעם צוטרוי וואָס ער האָט געהאַט צו סוחרים מיט וועלכע ער האָט געהאַנדלט, אפילו צו גוים, איז געווען אַ טעמע פאַר פאַרשידענע מעשיות וואָס מען האָט וועגן אים דערציילט. דער פעטער מיינער פלעגט זיך צוהערן צו די וויצן און וייטער שמייכלען, ווי ער וואָלט געזאָגט: "איר זעט דאָך אַליין, בין איך נישט רייכער פון אייך אַלעמען? — איזהו עשיר? — השמח בחלקו".

אַז מען האָט ר' יואלען געזען עסן מיטאָג, האָבן אַלע געוווּסט אַז דער זייגער איז פּינקטלעך צוועלף. הגם קיין זייגער איז אין שטוב נישט געווען און די שעה איז באַשטימט געוואָרן לויט דער זון און דורך עפּעס אַ פאַרבאָרגן, אינער־לעך געפיל. אין די נאָכמיטאָג־שעהן האָט ער געלערנט "עין־יעקב" און ווידער — געזאָגט תהילים. איצט, איז ער אָבער געשטערט געוואָרן דורך די באַזוכן פון די אייניקלעך און די געשפּרעכן פון שכנים און פריינט וואָס האָבן זיך

פאַרזאַמלט אויף דער גרויסער וועראַנדע ביים הויז. די־אָ וועראַנדע איז געווען אַ מין בית־ועד פאַר חכמים: דאָ האָט מען באַהאַנדלט אַלע ענינים פון דער מדינה, שטעטל און משפחה. און ער, דער פעטער מייגער, איז יאָ און נישט געזעסן צווישן זיי, געהערט און נישט געהערט, יאָ און נישט באַטייליקט זיך אין די שמועסן. פון מאָל צו מאָל האָט זיך געהערט זיין קול: "למנצח לדוד מזמור". ער האָט געשוועבט אין ווייטע וועלטן. דער שוחט פון שטעטל, אַ געפעפערטער ייד אַ תלמיד־חכם פלעגט זיך וויצלען: "ר' יואל גייט כסדר אַרום מיט דוד המלך, און האָט נישט קיין געשעפטן מיט אַזעלכע פּראָסטע יידן ווי מיר".

צו מנחה פלעגט ער מקדים־זיין און איז שוין געבליבן אין בית־כנסת ביז נאָך מעריב. צווישן מנחה און מעריב, ווען די אָוונטדיקע שאָטנס האָבן אָנגעוואָרפן אַן אומעט, האָט זיין תחנונימדיק קול צובאַקומען אַ באַזונדערן צויבער, ווי ער וואָלט געוואָלט גובר־זיין דעם גערודער און טומל פון די מתפללים אַרום מיט זייער שיחת־חולין. ער האָט דערביי אָנגענומען דעם אויסזען ווי עס וואָלט אים וויי געטאָן וואָס די אַלע זענען פאַרזונקען אין מינדערוועַרטיקע ענינים, רייסן זיך אָפּ פון אַ וועלט וואָס איז כולו הוד שבתפארת.

ר' ל י י ז ע ר (אליעזר) ו ו י י צ מ אַ ן, אַ האָלץ־סוחר, אַ תבואה־סוחר, אַ מעקלער, און בעיקר — אַ ייד אַן אביון. ער האָט געמאַכט אַ רושם מיט זיין דערשיינען — אַ הויכער, יפה־תואר, מיט אַ געפלעגטער הערצליאַנישער באָרד און אויגן ווי גוטע קינדער־אויגן, שמייכלענדיקע. אַ נוח־לבריות, אַ סימבאָל פון מעסיקייט, קיין פליג אויף דער וואַנט נישט פאַרטשעפּעט. גערעדט שטיל, געלאָסן מיט ישוב הדעת, מיט

באַרעכנטקייט וואָס האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי ווייטע און נאָענטע. אין פלוג געווען אַן אַרעמאַן אַן אביון, אַלע יאָרן, מטופל מיט אַ קראַנק ווייב און קינדער, פונדעסטוועגן האָט אַ גוטמוטיק־באַרואיקנדיקער שמייכל תמיד געשוועבט איבער זיין לויכטנדיק פנים. ער איז קיינמאָל נישט געווען בייז, טרויעריק, פאַרצווייפלט, ראַטלאָז. מען האָט אים קיינ־מאָל נישט געזען זיך איילן, לויפן צו די עסקים זיינע, און דאָס נישט מחמת שפע אָדער מחמת דעם וואָס אים איז אזוי גוט געגאַנגען נאָר פשוט צוליב עפּעס אַ סטאָיִשע לעבנס־חכמה מיט וועלכער ער איז געבענטשט געוואָרן, וואָס איז געלעגן אין זיין כאַראַקטער. ער פלעגט זאָגן: "איך האָב קיינמאָל די באַן נישט פאַרשפּעטיקט. וויבאַלד נישט מיט דער באַן פון אַכט אינדערפרי, וועל איך אם ירצה השם פאָרן מיט דער באַן פון פינף פאַרנאַכט, וואָס איז דאָס איילעניש?".
צו יעדער צייט האָט ער געהאַט דעם אויסזען פון ווייכקייט און גוטהאַרציקייט. ער איז געווען אַ מייסטער פון שיין־רעדעריי, פון גוטמוטיקע שמועסן, און זיינע מעשיות דורכ־געפלאָכטן מיט שפּילעוודיקע וויצן און שאַרפע קאַלאַמבורן.

ער איז געווען אונדזערס אַ קרוב, דער איידעם פון מיין פעטער ר׳ יואל, און איך האָב אים ליב־געהאַט אהבת־נפש סיי צוליב זיין אייגנשאַפט תמיד מלמד־זכות צו זיין אויף מיר, ווען מען האָט מיך געכאַפּט ביי אַן "עבירה", און סיי מחמת זיין טבע צו רעדן גוטס אויף יעדן איינעם, צו אַנט־פּלעקן דאָס גוטע און שיינע אומעטום און ביי יעדן מצב. אין מיינע אויגן, איז די אויגן פון אַ קינד, האָט ר׳ לייזער אויסגעזען ווי אַ מין "נחום איש גמזו". ער האָט תמיד זיך געקענט באַהערשן, אַרויסווייזן גבורה און שלווה. האָט ער געמאַכט אַ גוט געשעפט — האָט ער זיך געפרייט; האָט ער

פאַרלוירן — איז ער אויך נישט געפאַלן ביי זיך, נישט פאַר־צווייפלט. סיי ווען ער האָט געגעסן אַ מלכותדיק מאָלצייט מיט וויין און פיין געבעקס, און סיי ווען ער האָט אָפּגעגעסן אַן אָרעם מאָלצייט, האָט זיין געזיכט אויסגעדריקט די זעלבע מאָס גוטסקייט און צופרידנקייט. מער פון אַלץ האָט ער פיינט געהאַט דערשלאָגענע, פאַרביטערטע און מרה־שחורהדיקע מענטשן. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער אָפּנים געהאַלטן פון דער שאַרפזיניקן פראַנצויזישן זאָג פון לאַ־בריאַר פונעם 17טן יאָרהונדערט (ווענען ר׳ לייזער האָט נאַטירלעך נישט געקענט און נישט געהערט זיין נאָמען): „געוויין זיך צו צום לאַכן ביז דו וועסט דערגיין צו גליק, וואָרעם קענסט אַמאָל פאַר־לאָזן די וועלט און נישט האָבן געלאַכט״... ליצנים פונעם שטעטל פלעגן זאָגן וועגן אים: ״זיין נאָמען איז ו ו י י צ ־ מ א ן אָבער אַן אויסזען האָט ער פּאַקטיש ווי ה ע ר צ ל״...

ר׳ מ א י ר מ ש ה ל ע ו ו ע נ ט א ל, דער רופא און פעלדשער, איז געוועזן אַ נידעריק יידל מיט אַ ביסל אַן איינ־געבויגענע פּלייצע, מיט אַ שפּיציק ״טראָצקי״־בערדל און גוטן פּאַטערלעכן אויסזען. זיין גאַנג איז געוועזן אַ נחתדיקער (איך האָב אים געקענט שוין ביים סוף פון זיין לעבן). ער האָט גערעדט בלחש, ווי ער וואָלט געציילט און געוויגן יעדעס וואָרט, וואָס ער לאָזט אַרויס פונעם מויל. ביים רעדן האָט תמיד אויסגעזען ווי ער וואָלט עפּעס מגלה־סוד־געוועזן אָדער דיקטירט שריפטלעכע אויפגאַבן פאַר די תלמידים אין שולע זאָרגנדיק פאַר דעם, אַז יעדעס וואָרט זאָל גוט געהערט און גוט פאַרשריבן ווערן. מעדיצין האָט ער קיינמאָל נישט געלערנט, פאַרשטייט זיך, און די חכמת הרפואה האָט ער אין משך פון יאָרן דערוואָרבן פון דערפאַרונג און פון פאַ־

פּולערע מעדיציניש ביכלעך אין רוסיש מיט וועלכע עס איז פּול געווען אין זיין אַרבעטס־צימער. אַז ער איז אַרויסגערופן געוואָרן צום חולה פלעגט ער קודם־כל מעסטן די טעמפּעראַטור, טאַפּן דעם דופק, איינהערן זיך אינעם האַרץ־קלאַפּן, אינעם אָטעמען פון די לונגען, אויספרעגן זיך וועגן אַפּעטיט, וועגן אַלגעמיינעם געפיל, אדג״ל. אויב ער האָט נישט אַנטדעקט קיין סימנים פון עפּעס אַן ערנסטער קראַנקהייט, פלעגט ער געבן איין אויסגעפּרווווט מיטל: אַספּירין־פּראַשעק, אויסשמירן דעם גוף מיט עסיק, אַ קאָמפּרעס פון גאַרשיצע אַרום האַלדז אָדער אויפן רוקן, טרינקען עטלעכע גלעזער טיי מיט קערשן־איינגעמאַכטס, איינדעקן זיך אין אַ וואַרעמער קאָלדרע און גוט אויסשוויצן זיך! אין ערנסטע פאַלן האָט ער געהייסן שטעלן באַנקעס. ערשט ווען ער האָט געזען, אַז די מחלה איז זייער אַן ערנסטע האָט ער געהייסן רופן דעם דאָקטער, אַ כישוף־וואָרט וואָס ער פלעגט אַרויסזאָגן מיט אַ ספּעציעלער באַטאָנונג און יראת־הכבוד, אָדער אַפילו אַ קאָנסוליום פון דאָקטוירים פון דער קרייז־שטאָט. זייער אָפט האָט טאַקע געטראָפן און אַליאַרמירטע דאָקטוירים האָבן באַשטעטיקט זיין דיאַגנאָז און זיינע היילונגס־מעטאָדן. זיין לאַנגע דערפאַרונג האָט אים געהאָלפן פעסטשטעלן די דיאַגנאָז, צוגרייטן רפואות און לייענען רעצעפּטן פון דאָקטוירים אויף אַ ווונדערלעכן אופן. זיין רואיקע האַלטונג, געלאַסן און דערמוטיקנדיקן שמועס ביים בעט פונעם חולה, און זיין גוטע ווייכע און וואַרעמע האַנט, האָט געווירקט צום גוטן סיי אויפן קראַנקען סיי אויף די שטוב־מענטשן.

נאָך ווי אַ קינד האָב איך געהערט פון אים אַ שיינע מעשה: אין איינעם אַ שבת איז ער אַרויסגערופן געוואָרן צו אַ געפערלעך־קראַנקען. ער האָט לאַנג נישט געלאָזט אויף זיך

וואַרטן און געקומען. אַריינקומענדיק אין שטוב האָט ער געטראָפן אַן אַלט פּאָרל עסן מיטאָג. ווו איז דער חולה? — פרעגט ר׳ מאיר־משה מיט תמימות. דאָס ווייב ווייזט אָן אויפן מאַן, אַ זקן פון בערך אכציק יאָר, וואָס זיצט ביי אַ טעלער וואַרעמען, שמעקנדיקן טשאָלנט וואָס איז נאַרוואָס אַרויסגענומען געוואָרן פונעם אויוון און פאַרבייסט מיט אַ לאָקשן־קוגל און פלוימען־קאָמפּאָט. פאַרענדיקט די סעודה האָט דער אַלטיטשקער געבענטשט ברכת המזון, דערנאָך זיך אויפגעשטעלט פון טיש גרייט זיך צו לאָזן אונטערזוכן. ר׳ מאיר־משה טוט אָן אויף דער שפּיץ נאָז די פּענסנע־ברילן וואָס זענען תמיד געווען אָנגעקניפּט אויף אַ שוואַרץ בענדל ביים האַלדז. ווי דער שטייגער, מעסט ער קודם־כל די טעמפּעראַטור. ער טוט אַ קוק אויפן גראַדל און שפּרינגט אויף, ווי ער וואָלט באַקומען אַ ביס פון אַ שלאַנג — דער אַלטיטשקער האָט גאַנצע 40 גראַד צעלסיוס... אין עטלעכע טעג אַרום טרעפט ר׳ מאיר־משה זיין פּאַציענט, געזונט און פריש. ער דערפרייט זיך און פרעגט אים אויס: „האָט איר מיר געפאָלגט און גענומען די רעצעפּטן וואָס איך האָב אייך פאַרשריבן? זיי האָבן אייך אַוודאי געשמעקט ווייניקער ווי די מטעמים וואָס אייער ווייב האָט פאַר אייך צוגעגרייט?“ דער אַלטער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער דאָקטער וויל פון אים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סיי דער אַלטער סיי זיין זוגתו „האָבן פאַרשטאַנען“ אַז דאָס עצם פאַרשרייבן די רעצעפּטן אַליין האָט אים אויסגעהיילט, און זיי זענען אפילו נישט געגאַנגען אינעם אַפּטייק אַריין...

דער זעלבער זקן, האָב איך געהערט אין יאָרן שפּעטער, איז דאָס גאַנצע לעבן געווען אַ לאַנדווירט, און אויף דער עלטער — אַ פּאַסטוך פון שעפּסן. יעדן אינדערפרי, מיט זון־

אויפגאַנג, פלעגט ער אַרויסגיין מיט זיין סטאַדע און צוריק־קומען אַהיים ערשט פאַרנאַכט. זיין גאַנץ לעבן האָט ער נישט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, נישט געזען קיין באַן פאַר די אויגן און נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַן אויטאָבוס. ער איז געשטאָרבן מיתת נשיקה אין עלטער פון ניינציק יאָר און איבערגעלאָזט אַ ווייב וואָס האָט געלעבט פינף און ניינציק יאָר, און אַן ערך דריי מנינים קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך. אינעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן האָט ער זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר ר׳ מאיר־משה אַז ער זעט שוואַך. ר׳ מאיר־משה האָט אים געראָטן אַנצוטאָן ברילן. דערהערט די עצה האָט דער אַלטער זיך צעלאַכט: ״ברילן? — חס וחלילה, וואָס בין איך אַ רופא?״...

געווען אויך אייניקע יוצאי־דופנס — אויסנאַמען אינעם שטעטל.

מיר אַלע געדענקען ל י י ז ע ר ל כ אַ ר י ט אַ ן, אַ שיינער הויכער מאַן וואָס האָט באַצויבערט מיט זיין פערזענלעכן חן, עלעגאַנטן לבוש און אומבאַגרענעצטער איינגעגלויבטקייט אין זיין כוח צו דערגרייכן אַלץ וואָס זיין האַרץ פאַרלאַנגט. נאָכ־דעם ווי ער האָט געגעבן אַ גט זיין ערשט ווייב סאָבינע און געלעבט אַן חופה־וקידושין מיט אסתרקען, די בת־יחידה פון ר׳ י. ר., האָט ער אַרויסגערופן דעם צאָרן פון אַלע מענטשן אין שטעטל. פונדעסטוועגן האָט מען אויסגעמיטן מיט אים צו קריגן זיך אָפן, און דאָס מחמת דער מורא פאַר זיין שטאַר־קער האַנט צי מחמת זיינע פאַרבינדונגען מיט דער מאַכט. אַ כאַראַקטער האָט ער געהאַט אַ גוטן, אַ גאָלדן האַרץ האָט ער פאַרמאָגט, נישט געווען נאָך אַזאַ בעל־צדקה וואָס האָט געהאַלפן אָרעמעלייט. זיין פאַריסנקייט, אַמביציע און ווילן צו דעמאָנסטרירן זיין כוח און עשירות, האָט אים אַרויסגע־

בראַכט פון גלייכגעוויכט. לייזערל האָט געפירט אַ לוקסוס־אַרטיק, פאַרשווענדעריש לעבן און האָט נישט אויפגעהערט צו רעמאָנטירן, באַשיינען און באַצירן זיין הויז וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגנאיבער דעם „יאַר". עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן. ער האָט געהאַט אַ ביטערן סוף — ער איז געשטאָרבן איינזאַם און אַליין אין איינע פון די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, נאָכדעם וויביידע פיס האָט מען אים אַמפּוטירט צוליב אַ שרעקלעכער מחלה.

ד נ י א ל ס אַ צ ק י, איז געווען דער „גאַרדאָוואָי" פונעם שטעטל, דער פאַרשטייער פון דער מאַכט, נאָך פון דער צייט פון דער רוסישער הערשאַפט. מיטן אָנקומען פון דער רומע־נישער מאַכט איז ער אַראָפּ פון זיין גדולה און אַוועק אויף פּענסיע. זייער אָפט פלעגט ער אָבער אָנטאָן די פּאָליצייסקע מלבושים און הוט מיטן גאָלדענעם קנעפּל, אַ זכר פון זיין „רייכן" עבר. אין פלוג האָט ער געדאַרפט זיין דער ממונה איבערן געזעץ און אָרדענונג מצד דער רעגירונג. פאַקטיש איז נישט געווען נאָך איינער וואָס זאָל אַזוי עובר־זיין אויפן געזעץ ווי ער, אָנהייבנדיק מיט דעם שוחר וואָס ער פלעגט נעמען ביי אַלע אָן אויסנאַם פון רעליגיע און נאַציאָ־נאַליטעט און ענדיקנדיק מיט זיין לעבנסשטייגער — שטענ־דיקער שיכור, אַ נאָכלויפער נאָך פרויען און אַ צונג מיט בלויז ניבול־פה און גראָבקייט. אויף דער עלטער האָט ער פאַרלוירן די ראיה און געוואָרן אַ „בעל־תשובה". ער האָט זייער הנאה געהאַט, ווען מען פלעגט זיך צו אים ווענדן, מחמת רחמנות אָדער מחמת זיין טיפן עלטער, נישט מיטן שאַנד־נאָמען דאַניעלקע נאָר מיטן נאָמען ר' דניאל.

איך בין נאָך געווען אַ קינד, אָבער איך געדענק אים גוט.

בין־השמשות, אין איינעם אַ הייסן זומער־טאָג, איז ער אַרויס־געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר צוזאַמען מיט איינעם פון זייִנע זין, און זיך אַוועקגעזעצט אויף אָפּרו אויף דער הילצערנער באַנק וואָס איז געשטאַנען פאַר אונדזער הויז. אויף דער בקשה פון מיין מאַמען האָב איך אים דערלאַנגט אַ גלאָז קאַלט, דערקוויקנדיק וואַסער מיט אַביסל איינגעמאַכטס פון פרישע געשמאַקע אַגרעס. דניאל האָט אַ זופּ געטאָן פון גלאָז, געלויבט דאָס איינגעמאַכטס פון דער גוטער רחלע (מיין מאַמע) און געבעטן איך זאָל זיך זעצן לעבן אים. מיטאַמאָל האָט דניאל מיך אַרומגענומען מיט זייִנע הענט און געזאָגט: —

"אַט זיצט פאַר דיר אַן אַלטער צעבראָכענער בלינדער מאַן פול מיט חטאים ווי אַ מילגרוים מיט קערנדלעך. אוי, ווי איך האָב געזינדיקט אין מיין לעבן. אָבער אויך אַ סך גוטע מעשים דאַרף מען פאַררעכענען אויף מיין חשבון. עטלעכע מאָל האָב איך איינגעשטעלט מיין לעבן, און אָפּגעראַטעוועט יידישע קינדער פון אונטער די קאָפּיטעס פון צעווילדעוועטע פערד. גאָט זאָל מיר געבן אַזוי פיל גוטע יאָר וויפל מאָל איך האָב אַרויס־גענומען פון מיין אייגענער קעשענע געלט כדי צו קויפן רפואות און האָלץ צום הייצן פאַר אַלטע, קראַנקע און איינ־זאַמע מענטשן. מיינסטו, אַז אַזעלכע מעשים וועלן מיר פאַ־רעכנט ווערן אויף יענער וועלט, פאַרלייכטערן די שטראָף פון גיהנום? דעם לעצטן שבת האָב איך געהערט די דרשה פונעם רב וועגן דער שטראָף וואָס דערוואַרט רשעים אויף יענער וועלט, און אַ פחד איז מיר באַפאַלן". נאָך אַ קליינער הפסקה האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ וויינענדיק קול: "דו ביזט דאָך אַ גוט קינד און דאַוונסט מסתמא יעדן טאָג, טו פאַר מיר תפילה"...

דער קנאי

אויסער דעם רב, צוויי שוחטים, אַביסל מלמדים און שול־לערערס, זענען אין שטעטל כמעט נישט געווען קיין יידן, ביי וועלכע תורה איז געווען אַ קרדום לחפור בו. אפילו אַזעלכע גרויסע למדנים, פון דעם מין ווי ר׳ אידל בראַנשטיין (ר׳ אידל דער רויטער) האָט דעם טאָג צעטיילט — אַ האַלבן טאָג פאַר פרנסה און דעם אַנדערן האַלבן טאָג פאַר תורה־לערנען און פאַר צרכי־ציבור.

ר׳ אידל דער רויטער, האָט געהאַט אַ שאַרפן מוח, געווען שאַרפזיניק, אַ געוואַגטער בר־פלוגתא פונעם רב און שטענדיקער ממלא־מקום פונעם רב יעדעס מאָל ווען ער איז אַרויסגערופן געוואָרן אין ווייטע שטעט צו זיין אַ בורר אין קאָמפּליצירטע דין־תורהס. ער האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע תלמידי־חכמים אין שטעטל. בעת דער רוב פון זיי זענען געווען בעלי־אגדה, מעסיקע, מקילים און מענטשן פון פשרה, איז ער געווען אַן אויסגעשפּראָכענער בעל־הלכה, תמיד אַ בייזער, פאַרכמורעטער, אַן קאָמפּראָמיסן, בבחינת — יקוב הדין את ההר! ווען ער איז אַרויס פון שטוב צום דאַווענען שחרית, טראָגנדיק דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם און תפילין־זעקעלע אין האַנט האָט ער אויסגעזען ווי איינער וואָס איילט צום בעט פון אַ חולה־מסוכן אָדער פון איינעם אַזאַ וואָס איילט זיך צו לעשן אַ שריפה. די געדיכטע אַרויסשטאַרנדיקע ברעמען איבער זיינע אויגן, זיין לאַנגע באָרד וואָס האָט גע־פלאָטערט אינעם ווינט, דער אויסגעשטרעקטער קאָפּ אין דער הייך — דאָס אַלץ האָט אים געגעבן דעם אויסזען פון אַ

מענטש, וואָס איז כולו דערשראָקן און צעמישט. אויפשטיי־ענדיק אינדערפרי און גייענדיק אין בית־כנסת אַריין האָט ער קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט, הגם ער האָט גוט געוווּסט, אַז אָן אים וועט קיינער אין זיין קלייזל נישט וואַגן אָנצו־הייבן דאָס דאַווענען.

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער וויסטער סקאַנדאַל וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס שטעטל, מחמת דעם וואָס די טאָכטער פון רי״צ איז אַנטלאָפן צום גויישן דאָקטער, הגם זי האָט זיך נישט געשמדט, האָט דאָס ר׳ אידלען ווי געשטאָכן מיט געגליטע שפּיזן, און ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם בייזן פּסק: ״מען דאַרף זיי פאַרטרייבן פונעם שטעטל, די חצופה צוזאַמען מיטן אָנגעפרעסענעם חזיר״, הגם ער האָט פאַרשטאַנען אַז אַזאַ אומבאַרעכנטער טאַט וועט אַרויסרופן דעם צאָרן פון דער מאַכט און קען ברענגען געפערלעכע רעזולטאַטן. ״אַ יידישע טאָכטער לעבט מיט אַ טמאדיקן גוי״ — האָט זיך ר׳ אידל צעשריגן — ״דאָס איז דאָך הימלשרייענדיק!״. די אימה און די דבקות פון דורות האָט זיך אין דער רגע אָפּגעשפּיגלט אין זיינע צעבראָוויזטע אויגן. שפּעטער, ווען ער איז קראַנק געוואָרן האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט זיך לאָזן אונ־טערזוכן ביים דאָזיקן דאָקטער, דעם איינציקן דאָקטער אינעם שטעטל, און זיך קראַנקערהייט מיט די לעצטע כוחות זיך געשלעפּט אין דער קרייז־שטאָט אַריין, כדי דאָרט צו גיין צו אַ דאָקטער. און ווער האָט געהאָלפן ר׳ אידלען אינעם געוואַגטן קאַמף קעגן דעם גויישן רופא? — דודל! ער האָט מרעיש עולמות געווען, נישט גערוט און נישט געשוויגן ביז מען האָט אָפּגעזאָגט דעם גויישן דאָקטער, און אויף זיין אָרט איז אין שטעטל אָנגעקומען אַ יידישער דאָקטער.

די אמונה איז פאַר ר׳ אידלען געווען נישט בלויז אַ וועלט־

אַנשויונג נאָר דער גאַנצער תוכן פון זיין לעבן. זיין גאַנץ לעבן איז געוועז אין צייכן פון "צדיק באמונתו יחיה". טיף אין האַרץ, נישט בפרהסיא, איז ער געוועז קעגן ציוניזם, אָדער ריכטיקער געזאָגט, ער האָט אין דעם נישט געגלייבט. ציוניזם האָט נישט אַפּעלירט צו זיין קאַלטן, טרוקענעם און אַנאַליטישן שכל. ער איז געוועז דער פולער היפך פונעם רב, וואָס איז געוועז אַ מענטש פון שירה, התלהבות און ווייכקייט, אַ באַגייסטערטער ציוני און אַ גרויסער ציוניסטישער מטיף.

דער רוב זין פון ר' אידלען, סוחרים אָבער נישט אַזעלכע למדנים ווי ער, זענען געוועז גוטע ציוניסטן. זיי האָבן גע־הייראָט און אויפגעשטעלט היימען אין שטעטל בעת דער בן־זקונים זיינער, דער איינציקער שריד פון דער גאַנצער פאַרצווייגטער משפחה, איז עולה געוועז קיין ארץ־ישראל. ער איז געפאַלן בעתן באַפרייונגס־קריג אין דער שלאַכט ביי לאַטרון.

ביטער איז געוועז דער גורל פון ר' אידלען. עדי ראיה, לעבנגעבליבענע פון אומקום, דערציילן: די "גויישע פריינט" זיינע פון דער אומגעגנט, די אַלע מיט וועלכע ער האָט אַלע יאָרן געהאַנדלט, זענען געוועז די ערשטע וואָס זענען געקומען באַרויבן זיין האָב־און־גוטס. לסוף האָבן זיי אים אַרויסגע־נומען מיט כוח פון שטוב, געצוווּנגען אים צו גראָבן אַ גרוב פאַר זיך, און טאַנצן ביז יציאת נשמה...

אינטעליגענטן

די אינטעליגענץ פון שטעטל (זייער קען־צייכן איז געווען דאָס וואָס זומער זענען זיי אין גאַס געגאַנגען אָן אַ הוט, און ווינטער־צייט האָבן זיי געטראָגן קאַלאָשן און נישט קיין שטיוול), אויך זיי זענען נישט אַלע געווען זיידענע ייִנגעלייט, שוואַכע און מאַכטלאָזע. צווישן דעם ביסל אינטעליגענטן אי־נעם שטעטל זענען אויך געווען ייִנגן ווי די צעדערס, דרייסטע און שטאַרקע. ווער האָט נישט געפילט, ווייניקסטנס איינ־מאָל דעם ״פריינטשאַפטלעכן״ האַנטדרוק פון א י ד ל פ י נ ־ ט ש ע ו ו ס ק י (אידל קאַבאַק) ? און אַז ער האָט דיר געגעבן אַ גוטברודערישן קלאַפּ אין פּלייצע, בעת אַ ממזריש שמיי־כעלע האָט געפינקלט אין די תמיד שמייכלענדיקע אויגן, איז כדאי געווען מקדים־זיין אַ רפואה למכה און צולייגן אַ קאָמפּרעס צום אָרט וואָס זיין האַנט האָט אַנגערירט...

י ש ר א ל ו ו י י נ ש ט י י ן ווידער האָט באַקומען דעם טיטל ״גערױאַי״ (גבור) פון קאַצאַפּ סאַווין מיט דער געלער באָרד בכבודו ובעצמו, וואָס האָט אַנגעוואָרפן אַ מורא מיט זיין גרויסן מאַסיוון קערפּער. און מעשה שהיה כך היה:

אין איינעם פון די יאַריד־טעג, וואָס איז פאַרגעקומען אי־נעם שטעטל יעדן דינסטיק, איז סאַווין אַריין אין דער קרעטשמע פון ר׳ פרץ וויינשטיין, כדי אַריינצוכאַפּן אַ ״לייכט״ סעודהלע וואָס איז תמיד באַשטאַנען פון עם זעלבן מעניו: אַ פלעשל בראָנפן ווי אַן אַפּאַראַטיף, אַ ראַזאָווע ברייטל, צוויי־דריי הערינג אין עסיק, אַ טוץ טאָמאַטן און ציבעלעס, און

צום פאַרבייסן — אַ פלאַש רויטער וויין. ויהי, ווען דער בראָנפן און וויין האָבן אָנגעהויבן אויף אים צו ווירקן, האָט סאַווין געמאַכט עפּעס נישט קיין שיינע באַמערקונג אויפן חשבון פון ר׳ פּרצעס ווייב, אַ כשרע יידענע וואָס פלעגט זיך כסדר קלאָגן פאַר איר שכנטע, מיין מאַמע, אַז דער אַפּעטיט ביי אירע קינדער איז נישט אין אָרדענונג און דע־ריבער זעען זיי אויס אַזוי בלאַס און שוואַך, ממש הויט און ביין! טאַקע איינער פון אָט די ״שוואַכע״ קינדער, ישראל, אַ ברייטבייניקער בחור, בערך 22 יאָר אַלט, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געהאַט באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט, האָט באַמערקט די גראָבע באַליידיקונג־רייד פונעם קאַצאַפּ, אויפן חשבון פון זיין מאַמען. כהרף־עין האָט ער אַ שפּרונג געטאָן פון זיין אָרט און אַראָפּגעלאָזט אים עטלעכע פּעטש, אָנגעכאַפּט אים ביים צעפּלאַשעטן גרויסן קאָפּ, און אַ וואָרף געטאָן אים אויפן פענצטער, און מיט אים אויסגעהאַקט די שויב, אויף פּיצלעך. תחילת האָט סאַווין זיך צעלאַכט מיינענ־דיק אַז דער קרעטשמערס ייִנגל שפּאַסט מיט אים און דאָס איז נישט מער ווי מעשי־קונדס. איידער ער האָט אָבער באַ־וויזן אויסצוטשוכען זיך, האָט ישראל זיין ריזיקן קערפּער אויפגעהויבן און דורכן אויסגעהאַקטן פענצטער, אַרויסגע־וואָרפן אין דרויסן. די אויבערשטע העלפט זיינע איז גע־האַנגען אין דרויסן ווי אַן איבער מדולדל, מיט די צעפּלאַשעטע האָר פון קאָפּ און באָרד אין ווינט אין אַלע זייטן, בעת די צווייטע העלפט איז געבליבן אויסגעשטעלט אויפן ״חסד״ פון ישראלס פויסטן, וואָס האָבן געקלאַפּט אַן רחמנות, ווי ער האָט נאָר געטראָפן. סאַווין, געקאַרטשעט פון ווייטיק און כאָרכלענדיק ווי אַ געשאָכטענער אָקס, האָט מודה געווען אַז ער האָט טאַקע גערעדט ווי אַן אָנגעזויפענער חזיר און זיך

געשוואוירן ביי זיין ווייב און האַלבן טוץ קינדער, אַז פון היינט אָן וועט ער זיך פירן ווי אַן אָנשטענדיקער מענטש. דער וואָס האָט אין יענעם מאָמענט נישט געזען דעם צע־שלאָגענעם און פאַרוווּנדעטן ריז, האָט נישט געזען אַ מענטש אין זיין נעבעכדיקייט. אַלע אין דער קרעטשמע זענען גיך זיך פונאַנדערגעגאַנגען, צוליבן פחד סאַווין זאָל זיך נישט וועלן אָפּרעכענען און נקמה־נעמען צוליב זיין דערנידעריקונג. מאָדנע: נאָכן אויסניכטערן זיך האָט סאַווין אַפּנים פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאַרגעקומען און ער האָט אויסגעדריקט זיין שטוינונג פון דער גוואַלד גע־ווייַסיקייט וואָס עס האָט אַרויסגעוויזן דאָס יידישע בחורל, אויפצוהייבן אַ האַנט אויף אים, סאַווינען, און ער האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען "גע־ראָי" ביים אַלגעמיינעם געלעכטער פון אַלע בייגעריקע, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט פון דער גאַנצער גאָס.

ווען עס האָבן זיך פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז די קוזיסטן (אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס, תלמידים פון טרויעריק־באַקאַנטן פראָפעסאָר קוזאַ) גרייטן זיך דורכצופירן אַ פּאָגראָם אין שטעטל, האָבן די אינטעליגענטן זיך נישט באַהאַלטן אין די לעכער און קעלערס. דאָס זענען זיי געווען די, וואָס האָבן אין איין אויגנבליק אָרגאַניזירט די שטאַרקע, דרייסטע באַלע־מעלאָכעס און אַרבעטער, זיי באַזאָרגט מיט שטעקנס, און מיט מוסטערהאַפטער גבורה און מסירת־נפש פאַרטיידיקט דאָס לעבן און פאַרמעגן פון די יידן אין שטעטל.

משכילים און ״עמד״

די גוטע, אינטעליגענטע היימען, זייער שטייגער לעבן, האַלטונג, אופן פון עסן און טיש־מאַניערן, ווי אויך זייער הלבשה, זענען געווען דורכגעדרונגען מיט רוסישער קולטור און רוסישע מנהגים. די השפעה פון דער רומענישער קולטור איז כמעט נישט געווען קענטיק אינעם שטעטל. רומעניש האָט מען גערעדט בלויז אין אַ גויט־פּאַל — כדי צו פירן מסחר מיט די גויים. דאָס הערשנדיקע לשון אין די אַלע הייזער איז געווען אַ צעבראָכענער יידיש, דורכגעפלאָכטן מיט פיל רוסישע אויסדרוקן. אפילו אָנגענומענע העברעישע ווער־טער, וואָס זענען אַריין אין דער יידישער שפּראַך, זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין רוסיש און אין אַן אויסגעשפּראָ־כענער רוסישער אינטאָנאַציע. אין די אינטעליגענטע הייזער האָבן זיך געפונען שיינע ביבליאָטעקן, און באַזייט מיט די ביכער פון מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם, האָט מען געזען אויך פּושקין און נאַדסאָן, די ראָמאַנען פון טאָלסטאָי און גאָרקי און ביי אייניקע אויך ״אהבת ציון״, ״התועה בדרכי החיים״, די שירים פון יל״ג, ביאַליק אדג״ל. די ביכער האָט מען נישט געלייענט נאָר געלערנט, איינגעחזרט אויף אויסנ־ווייניק און אפילו באַוויזן צו דעקלאַמירן גאַנצע קאַפּיטלען מיט געשמאַק, טעמפּאָ און געפיל. די נעמען פון די מחברים האָט מען אַרויסגעזאָגט מיט חשיבות און כבוד. בעת אַ פאַ־מיליע־שמחה אָדער חברים־באַנקעט, ווען די הערצער האָבן זיך דערוואַרעמט און עס האָט זיך געשאַפן אַ שטימונג דערצו, און צאַרטע, חנוודיקע שמייכלענדיקע און זינגעוודיקע מייד־

לעך ווי טעמע וויינבערג, רחילקע קאַרנבליט און אַנדערע זענען נאָכגעקומען די בקשה פון עולם און אָנגעהויבן זינגען אָדער דעקלאַמירן פּאָעזיע און פּראָזע, האָבן די אָנוועזנדיקע געפילט דעם צאַפּל פון זייער האַרץ און געמערקט דעם חנווע־דיקן פאַרחלומטן שיין וואָס איז געווען אויסגעגאָסן איבער זייערע בלאַסע געזיכטער, מחמת שעמעוודיקייט אָדער טיפער געריירטקייט. אַן אַנגענעמע נישט־געוויינטלעכע אַטמאָספער האָט דעמאָלט באַהערשט דאָס הויז און ווי מיט אַ כישוף־שטע־קעלע זענען זיי אַרויסגענומען געוואָרן אויף אַ ווייל פון זייער אָרעמען ווינקל, אַוועק אויף די פליגל פון זייער פאַנטאַזיע אין אַ וועלט פון לויטערקייט, שטראַלונג און טרוים. יאַנקל בודמאַן ווי זיין שטייגער האָט נישט געשפּאָרט קיין שאַרפזין: ״אונדזער חברטע טעמע האָט אַ ים מיט געפילן, ווו איז אָבער דער גוטער שווימער ?״.

אויף אַזעלכע צוזאַמענקונפטן איז געקומען, ווי זיין שטיי־גער, ווי אַ נישט פאַרבעטענער גאַסט, משה אורציס, אַ דאַמען־שניידער, אַ פריילעכער קבצן וואָס האָט נישט פיינט געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, אַ שניידער בן שניידער און אייניקל פון אַ שניידער. זיין פאָטער, ר׳ אורצי האָט געהאַט אַ טאָפּלטע און דרייפאַכע ״מיסיע״: ער איז געווען ראש פון דער חברה־קדישא, גבאי אינעם בית־כנסת פון די שניידער און וואָרט־זאָגער פון די באַלעמלאָכעס אינעם שטעטל. ער האָט אומעטום געשאַלטעוועט. אַ גרויסער קפּדן געווען, אַ כעסן און אַן עם־הארץ. בעתן מטפל־זיין זיך מיט אַ בר־מינן פלעגט ער מחמת כבוד פון מת מיט זיינע העלפערס כלומרשט רעדן לשון־קודש. דאָס איז אָבער געווען אַ לשון וואָס נאָר די חברה־קדישא האָבן עס געקענט פאַרשטיין, אַ פרעמדער — קיינמאָל נישט. ער פלעגט דערביי לאָזן הערן האַלבע ווערטער און

צעקאַלעטשעטע אויסדריקן, ווי למשל, ״נעם אים ביי די באַטשיקאַיים״, ״כאַפּ אים אַןביים של ראש״. געהייסן האָט דאָס ״נעם אים ביי די פּיס״, ״כאַפּ אים אַן ביים קאָפּ״.

זיין זון משה איז געווען פּונקט דער היפך פון טאַטן — אַ נוח־לבריות, אַ רואיקער, און ער האָט ליב געהאַט צו זינגען. אַז ער איז געקומען צו אַזאַ מסיבה האָט ער אומגע־בעטערנערהייט געגעבן זייןביישטייער, געלאָזט הערן זיין מעכטיק און קלאָר קול מיט שטיקלעך חזנות און פריילעכע פאָלקסלידער, און דערביי אויך אריינגעגנבעט זיינע אייגענע ״שאַפונגען״, וואָס ער האָט פאַרצייכנט מיט ווייסן קרייד איבער שטיקלעך שוואַרצן געוואַנד ביי דער אַרבעט. וועגן די־אַ שירים האָבן חברה ליצנים געזאָגט: ״זיי זענען ווי די דאַמען־קליידער וואָס ער נייט — צו ברייט אָדער צו שמאָל, איבער דער מאָס, אָבער קיינמאָל האָט ער נישט געמאַכט קיין מלבוש ביידע אַרבל זאָלן האָבן די זעלבע לענג״...

משה אורציס איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער לייענער פון ביכער. אין איין נאַכט האָט ער אויסגעלייענט אַ דיק בוך, און גלייך ווי עס האָט זיך געעפנט די שטאָטישע ביבליאָטעק איז ער געווען דער ערשטער, האָט זיך אַריינגעריסן מיט אַ רעש און בהלה מיטן צעכראַסטעטן העמד און פאַרדרייטן היטל און מיט זיין מעכטיק קול האָט זיך געווענדעט צו דער ביבליאָטעקאַרין: ״אַ־נו, ווייזט נאָ אַהער עפּעס אַ בוך, אָבער אַ בוך ס׳זאָל זיין וואָס צו האַלטן אין די הענט״. וואָס פאַראַ בוך איז ביי אים געווען צו האַלטן אין די הענט? — אַ דיק וואָגיק בוך! אַ ביכעלע אַ קליינס, אָדער אפילו אַ בוך מיט ווייניקער ווי פינף הונדערט זייטן, האָט ביי אים נישט גע־הייסן קיין בוך. אַז ער האָט גענומען אַזאַ בוך אין האַנט האָט ער נישט געקוקט אויפן נאָמען און אינהאַלט און נישט

אויפן נאָמען פונע מחבר, נאָר אויף דער צאָל זייטן און אויף דער וואָג. אַ בוך האָט ער אָפּגעשאַצט אויף זיין שביי־דערישן לשון אַזוי: ״אַ בוך — אַ קלייד אין זיבן פאָלעס פאַר אַ קיינאַרער גויע״. דאָס הייסט אַ בוך וואָס וועגט היבש און דאָס לייענען דויערט אַזוי ווי אויפנייען אַ קלייד פאַר אַ גויע פונעם שכנותדיקן דאָרף קיינאַר, גויעס וואָס זענען געווען באַקאַנט ווי הויכע און לייביקע. אַז ער האָט גענומען אין האַנט אַ קליין ביכל איז אים געוואָרן קאַלאַמוטנע. ביים מויל, אינעם לינקן ווינקל ווו ביי אים איז תמיד געווען אַ גרי־מאַסע, האָט זיך דאַן באַוויזן אַ לייכטער שמייכל, און ער האָט שפּאָטיש באַמערקט: ״ אַ ביכעלע — אַ יופּקאַלע פאַר אַ פאַרקאַנער שיקסאַלע״, וואָס לאָזט זיך אויפנייען איינס־צוויי. אַז אין שטאָט איז אָנגעקומען אַ דרשן און אַ גרויסער עולם האָט געשטראָמט אין בית־כנסת כדי אים צו הערן, און ווי געוויינלעך איז געוואָרן אַ רעש און גערודער און טומל, האָט משה זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך, ווי ער וואָלט געווען דער אויפזעער אויף דער אָרדענונג, האָט אַ קלאַפּ געטאָן אינעם שטענדער און אויסגערופן בקול רם: ״שאַט סמאַרקעס !״ . . . משה אורציס איז געווען אַ טרייער באַגלייטער און נאָכלויפער פון דער אינטעליגענץ אינעם שטעטל, מוכן ומזומן אין יעדער רגע זיי צו העלפן, אַלע אָן אונטערשייד פון פאַרטייען און שטרעמונגען.

ערב מיין צעשיידונג פון טאַטנס הויז און עליה קיין ארץ־ישראל, איז משה אורציס געווען פון די ערשטע וואָס זענען געקומען זיך געזעגענען מיט מיר. זייענדיק אַזוי אַרומגע־רינגלט מיט משפחה, קרובים, שכנים, חברים און פריינט, האָט ער זיך פלוצים באַוויזן, ווי דער שטיגער, דאָס היטל פאַרוקט אין אַ זייט פון זיין גרויסן פליכעוואַטן קאָפּ, ער האָט מיר

אַרומגענומען מיט זײַנע פֿליישיקע הענט, מיך באַשאָטן מיט קושן און מיט אַ װײנענדיק קול געבעטן: „חימל, פֿאַרגעס מיך נישט!". כ׳בין מודה: אין יענעם מאָמענט האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען װאָס ער װיל, אין װאָס זײַן בקשה באַשטייט. שפּעטער, װען איך בין געקומען אויף אַ באַזוך אַהיים, איז מיר קלאָר געװאָרן װאָס ער האָט געמיינט. אַז איך זאָל, למען השם, געדענקען זײַנע געזאַנגען, זײַנע „לידער", און דער עיקר זײַן ניגון... הלמאי זאָל איך לייקענען? נישט איינמאָל װען עס קומט מיר אויס צו זען אַ שניידער אַריבער־געבויגן ביי זײַן אַרבעט װאָס הערט זיך דערבײַ אין אינעם געזאַנג װאָס טראָגט זיך פֿונעם ראַדיאָ־קעסטל, דערמאָן איך זיך די װאַרעמע און האַרציקע ניגונים פֿון דעם גוטן און נאַאיװן משה אורציס...

משוגעים און נאַראָנים

„װאָס הייסט אַ גרויסע שטאָט? אַ שטאָט אין װעלכער עס זענען פֿאַראַן צען ׳בטלנים׳, װײניקער פֿון דעם איז עס אַ דאָרף" (מגילה א, ג). אויך פֿון דעם שטאַנדפּונקט איז אונדזער שטעטל געװען אַ דאָרף. בטלנים זענען נישט געװען בנמצא. כמעט אַלע זענען געװען אַרבעטס־מענטשן, און בני־תורה זייער װײניק. אויך זיי האָבן אָבער נישט פֿאַרבראַכט אַלע

יאָרן אין בית־כנסת, נישט געלעבט אויף קהלס חשבון, ווי דער דרך פון בטלנים. צווישן איין אַרבעט און דער אַנדערער, ווי רבנים, שוחטים, מלמדים, אדג״ל, זענען זיי עוסק־געווען אין תורה, אין מצוות און אין צרכי־ציבור. משוגעים און נאַראָנים רחמנא לצלן, זענען אָבער יאָ געווען אין שטעטל, גאַנצע און אויך האַלבע משוגעים.

צו די קאָמפּלעטע משוגעים האָט געהערט אַ גאַנצע משפּחה — דער פאָטער (״חיים דער רויטער״), זיין טאָכטער און אַ זון. אויף דער עלטער איז דער פאָטער לסוף געוואָרן מיושב, גערעדט צו דער זאַך און טיילמאָל אפילו איבעראַשט מיט אַ גוט ווערטל. אינעם מצב פון דער טאָכטער און זון איז אָבער נישט פאָרגעקומען קיין שום שינוי צום בעסערן. אַן אַנשטאַלט פאַר משוגעים איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען, זענען זיי אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן און געווען אַן אָביעקט פאַר שפּאָט פון אַלעמען און באַזונדערס פאַר אָפּלאַכונג מצד די קינדער. מפה לאוזן האָט מען דערציילט, אַז אין זיין יוגנט איז דער פאָטער געווען אַ קלעזמער און אפילו אַן אַקטיאָר־טשיק אין עפּעס אַ וואַנדערנדיקער טרופּע אָדער אין אַ צירק. ער האָט געשפּילט פידל, לויט דער שמיעה, און אין פינצטערע מאָמענטן אין זיין לעבן, און אַזעלכע מאָמענטן האָט ער געהאַט נישט וויניק, האָט ער זיך אויסגעלאָדן דאָס ביטערע האַרץ מיט נגינה וואָס איז צייטנווייז געווען באַגלייט מיט טרערן — טרערן פון טרויער און אומעט אויף זיין ביטערן גורל, צוליב זיין אָרעם גרוי לעבן און צרות וואָס עס האָבן אים אָנגעטאָן זיינע קינדער. איינמאָל, אין דער נאַכט פון שבועות, האָט מען געהערט פון זיין הויז קלאַנגען פון אַ פידל. די פאַרבייגייער האָבן זיך געחידושט און אים גע־פרעגט מיט שטויננג: ״ר׳ חיים, יום טוב ביינאַכט שפּילט

מען פידל?״. חיים דער רויטער האָט אָפּגעווישט אַ טרער פון זיין פּנים און געענטפערט: ״אַ יובל מיט יאָרן דאַוון איך, און גאָט הערט מיך נישט, ער נעמט נישט אָן מיינע תפילות, אפשר וועט ער דערהערן מיין שפּילן?״...

אַ האַלב־משוגענער איז געווען צבי דער שרייער. אַ דין־מאָגערער, הויט און ביין, הויך — לאַנג ווי דער גלות אָבער מיט אַ קורצן שכל. אויסגעזען תמיד ווי ער גייט אויף שטאָלצן; אויפן פּנים — אַ נאַרישעוואַטער, גוטמוטיקער שמייכל. דאָס האָט בולט געמאַכט זיין האַלדז־קנאַפּ אין דער גרויס פון אַ נוס, וואָס איז כסדר ביי אים אַרויף און אַראָפּ, ווי קוועקזילבער, און האָט אַנטפּלעקט זיינע צוויי רייען פונעם ציגאַרעטן־רויך צעפוילטע און צעפּרעסענע ציין. צוויי זענען געווען זיינע פּרנסות — אַ וואַסערטרעגער און אַ ״שרייער״. ביידע האָבן אים בדוחק געגעבן ברויט און אַ מלבוש. וואַסער פונעם ברונעם האָט ער געברענגט אין די רייכע הייזער וואָס האָבן אים גוט באַלוינט און אים געגעבן אַ מאַלצייט, אַן אָפּגענוצט מלבוש, אדג״ל. די אַרבעט פון אַ ״שרייער״ איז געווען זיינס אַן אייגענע המצאה. ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן און אויסגערופן וועגן אַן אַלגעמיינע אסיפה וואָס קומט פאָר אין דעם אָדער יענעם בית־כּנסת, וועגן אַ דרשה וואָס קומט פאָר פון דעם אָדער יענעם שליח, וועגן אַ פאָר־שטעלונג פון דער לאָקאַלער אַמאַטאָרן־טרופּע, און צייטנ־ווייז אויך וועגן אַ ביליקן אויספאַרקויף פון סחורות אָדער וועגן פרישע הערינג וואָס זענען נאָרוואָס אָנגעקומען. דעם אמת געזאָגט האָט קיינער קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען פון זיינע אויסרופעניש אויפן קול. די ווערטער זענען ביי אים אַרויס יאָגנדיק, אין אַ מוראדיקן טעמפּאָ, צעדרייט און פאַר־קריפּלט ביז גאָר. מ׳האָט אָבער הנאה־געהאַט פון זיינע

תנועות און העוויות און בעיקר פונעם סוף־פסוק זיינעם. יעדע "באַקאַנטמאַכונג" זיינע פלעגט ער פאַרענדיקן מיט אַ גע־דרייטער גאַרגלריי: "און עס וועט זיין מיט מוזיק". דערביי האָט ער אַליין שטאַרק הנאה־געהאַט פון זיך, פון זיין "ניגון" און פון דעם נחת־רוח, וואָס ער האָט דערמיט אָנגעטאָן באַ־זונדערס די קינדער, וואָס האָבן אים דערביי אַרומגערינגלט און געבעטן אים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערצוחזרן דאָס גאַרגלען זיך. און אַז מ׳פלעגט אים פרעגן: "צבי, וועגן וואָס ביזטו מודיע?" — פלעגט ער זיך צעלאַכן הויך אויפן קול, און גלייך ענטפערן: „אַ הערינג, ברייטל ברויט, פעקל פּאַ־פּיראָסן". דאָס האָט געהייסן: וואָס איז וויכטיק וועגן וואָס איך בין מודיע, וויכטיק איז וואָס איך באַקום פאַר דעם...

און צולעצט — א י י ז י ק ל, דער שטאָט־נאַר פון סאַראַקע. ער האָט נישט געשטאַמט פון אונדזער שטעטל, נאַר איז געוועזן אַן אורח נוטה ללון. זיינע אַפּטע באַזוכן האָבן אים אָבער געגעבן "ערן־בירגערשאַפט" פון אונדזער שטעטל. זיין פּיעגעוואַטע פּנים, גרויסע רויט־טריפנדיקע און תמיד שמייכלענדיקע אויגן, גאַווערדיק מויל און צעריסן און צעפליקטע מלבושים האָבן שוין עדות־געזאָגט ווער ער איז. פון דער טבע איז ער געוועזן אַ רואיקער, אַ שווייגער און אַ שעמעוודיקער, געמאַכט דעם רושם פון אַ פאַרלאָזט, פאַרנאַכלעסיקט קינד וואָס האָט קיינמאָל נישט געפילט די וואַרעמע האַנט פון טאַטע־מאַמע. ער איז געוועזן איינזאַם אַליין און פרנסה גע־צויגן פון פאַרשידענע משונהדיקע מלאכות: געהאָלפן דעם וואַסערטרעגער, צוגעקערט די גאַסן, אַריבערגעפירט סחורות און מעבל פון איין אָרט צום אַנדערן, און בעיקר — אַ סטאַבילער גאַסט אויף חתונות — אַזוי אין זיין שטאָט סאַראַקע און אַזוי ביי אונדז און אין אַלע שכנותדיקע שטעטלעך. היות

ווי שמחות, געלויבט צו גאָט, האָבן נישט געפעלט, איז אייזיקל אָפּט געקומען אין אונדזער שטעטל, אויב נישט ווי אַ געבוי־רענער איז אָבער תמיד אַ געווונטשענער גאַסט. נאָכדעם ווי ער האָט גענומען עפּעס אין מויל אַריין און געמאַכט עטלעכע כוסות, איז ער אַרויס אין אַ סאָלאָ־טאַנץ, וואָס איז געוואָרן די ספּעציעלע אַטראַקציע ביי קינדער. ווי געזאָגט איז ער געווען אַ שווייגער, אָבער אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן האָט ער דווקא גערעדט צו דער זאַך. זיין חלום, ווי דער חלום פון פּרצעס "באָנטשע שוויַיג", איז געווען פרישע חלה מיט געבראָטנס. ווען מען האָט אים טאַקע געפרעגט אַמאָל וואָס איז זיין לעבנס־טרוים, האָט אייזיקל אויפגעהויבן זיינע אויגן צום באַרג, דער וויַינגאָרטן־באַרג מיט וועלכן עס איז געווען געבענטשט די שטאָט סאָראָקע, און צום דניעסטער וואָס האָט געשטראָמט ביי זיין ראַנד, ער האָט געטאָן אַ טיפן קרעכץ און געזאָגט: "ווי שיין וואָלט די וועלט געווען, ווען אָט דער באַרג וואָלט געווען אַ חלה און דער דניעסטער אַ ראָסל־געבראָטנס, און איך זיץ, זיץ מיר אַזוי אין נחת טונק די חלה אינעם ראָסל און האָב הנאה פונעם לעבן"...

בתי־כנסת

פינף בתי־כנסת זענען געווען אינעם שטעטל. זיי מיט זייערע מתפללים זענען געווען אַ טרייער שפּיגל פאַרן פאַר־טרעט פונעם שטעטל. דריי פון זיי, די "קלויז", די "שול", און דאָס "קלייזל" האָבן באַשיינט דעם צענטער פון שטעטל, האָבן זיך געפונען נאָענט צום מאַרק, בעת די צוויי אַנדערע, די "שניידערישע שול" און די "דייטשע שול" האָבן באַצירט אַ זייטיק, קליין און שמאָל געסל, נאָענט צו דער שולע, ווו עס האָט געוווינט דער רב, דער שוחט ר׳ שעפּטל און נאָך עטלעכע שיינע באַלעבאַטים. אין דער "קלויז" האָבן גע־דאַווענט ערד־און־גוט־באַזיצערס, רייכע סוחרים און סתם "שיינע יידן"; די "שול" איז געווען פאַר פּשוטע יידן פון דער קאַטעגאָריע ווי ר׳ דודל און ר׳ שמעון "גוי"; דאָס "קלייזל", די פעסטונג פון ר׳ אידל דער רויטער, איז כמעט אַ העלפט אויסגעפילט געוואָרן דורך זיינע משפּחה־מיטגלידער — זין, איידעמס, ברידער, שוואָגערס און אַנדערע קרובים; די "שניידערישע שול" איז טאַקע געווען דער צענטער פון פאַרשידענע באַלמעלאָכעס: שניידערס, שוסטערס, סטאָלערס, פעלצן־מאַכערס, בעקערס, שמידן, קצבים, אדג"ל; און די "דייטשע שול" האָט געהייסן אַזוי, הגם דאָרט האָבן גע־דאַוונט פאַרשידענע יידן, אָבער בעיקר אַביסל משכילים ווי ר׳ יחיאל פינטשעווסקי און ר׳ אברהמל אָקסנפעלד. די "דייטשע שול" איז געווען די מיוחסדיקסטע שול — די "פעסטונג" פון רב און צענטער פאַר אַסיפות, מיטינגען, כינוסים. דאָרט האָט דער רב געהאַלטן דעם רוב פון זיינע דרשות און ציוניס־

טישע רעדעס מיט זיין זיסן אָבער פלאַמיקן באַגייסטערנדיקן קול. דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר אַלע בתי־כנסת, חוץ די שול פון רב, איז געוועזן די פאַרנאַכלעסיקונג און אומריינקייט, דער ״שטויב פון דורות״ וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקל. אַלץ צוליב דער שולד פון די שמשים, כמעט אַלע פון דעם טיפּ ווי ר׳ חיים, דער שמש פון דער ״קלויז״, וואָס האָבן נישט מקפיד־געוועזן וואָס שייך זויבערקייט.

אין אָנבליק פון די פאַרשימלטע ווענט און פאַרסאַדזשעטן סופיט פון דער ״קלויז״ האָבן די באַלעבאַטים צייטנווייז זיך צעבייזערט און געוואָרן אויפגעקאָכט, האָבן קעגן דעם אַליאַרמירט בקול רם, אָבער אָן דערפאָלג. אַז מען האָט גע־פרעגט דעם שמש פון ״שול״ ר׳ חיים: היתכן אַזאַ שמוץ און שפּינוועבס און פאַראַיאָריקער בלאָטע אויף יעדן שטענ־דער? האָט יענער כיכיכענדיק אַביסל אין האַלדז, אָנגעהאָנ־גען אויף יענעם זיינע תמיד פאַרטריפטע אויגן, דאָס מויל אַרומגעקרוינט מיט שפּיציקן בערדל, האָט אַרויסגעבראַכט אַ נאַרישן שמייכל און רעדנדיק און שפּייענדיק ענדלעך אַרויס־געלאָזט עטלעכע ווערטער: ״בע־מע״, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: וויבאַלד איך בין נישט בכוח צו האַלטן ריין מיין אָרעמען גוף און מקפיד זיין די קאַפּאָטע מיינע זאָל זיין ריין, און האָב אפילו נישט קיין צייט צו ברענגען אין אָרדענונג מיינע שוואַרצע נעגל און ווילד־אָנגעוואַקסענע האָר אויפן קאָפּ און באָרד, ווילט איר, איך זאָל מאַכן אָרדענונג און אָפּ־היטן די ריינקייט אין אַזאַ גרויסן און חשובן ״מקום קדוש״ פאַר עטלעכע צענטליק באַלעבאַטים? . . .

אַ באַזונדער אַטמאָספער האָט געהערשט אין דער ״שניי־דערישער שול״, אַ קליינע און פאַרטונקלטע שול. אפשר צו־ליבן שאָטן פון עצבות וואָס איז תמיד געוועזן אויסגעשפּרייט

איבערן עולם מתפללים, דער רוב אביונים וואָס האָבן קוים־קוים געהאַט צו דערנערן זיך, תמימותדיקע באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן קוים מיט שווייס און ציטערניש גערדאַוונט; און אפשר מחמת דעם שיינעם פייזאַזש וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט דורך די נידעריקע פענצטערלעך, פון וואַנען מען האָט געזען דעם גאָרטן פון דער שולע אַרומגערינגלט מיט אַ פּלויט פון קוסטעס און שטעכעדיק דראָט, און די לאַנקעס מיט גראָז, גרינענדיקע פעלדער און בליענדיקע סעדער פול מיט גע־בענטשטער שפּראָצעניש. באַזונדערס ליב געהאַט מער פון אַלע בתי־כנסת, האָט מען די „דייטשע שול“ צוליב די תפילות פונעם רב מיט זיין קלאָגעדיק־דורכדרינגענדיקן קול, הייסע תפילות פון טיפער געריזרטקייט, וואָס זענען אַרויס פון האַרץ און אַריין אין האַרץ, אפילו אין הערצער פון „קטני אמונה“...

בני־עלייה

דאָס הייפעלע גימנאַזיסטן און סטודענטן וואָס האָבן שטו־דירט אויף די אוניווערסיטעטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד און האָבן זומער־פעריעס פאַרבראַכט ביי די פאַרמעגלעכע עלטערן, וויינבערג, ראַבינאָוויטש, העלגורט, אדג״ל, האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט די פירער פון „גורדוניה“ און „קול־

טור־ליגע״ און דערמיט אַריינגעבראַכט אַ רוח־חיים אינעם לעבן פון דער יוגנט, זי דערוועקט צו אַקטיוויטעטן. זיי האָבן איניצירט פאַרלעזונגען, פאַרשטעלונגען, עפנטלעכע דיסקוסיע־אָוונטן און ליטעראַרישע משפּטים איבער דער ״פאַרשטויסענער״ פון י״ל פּרץ, וועגן ״נאָראַ״ פון איבסען און איבער טאָלסטאָיס ״אַנאַ קאַרענינאַ״, פאַרשטעלונגען וואָס זענען געוואָרן אַ שם־דבר און אַרויסגערופן אינטערעס. נישט געקוקט אויפן אָפּענעם, וואָכן אויג און פאַרדאַכטן ביז גרויל פון די רומענישע מאַכט־אָרגאַנען, וואָס האָבן אין יעדן רעפּעראַט ״געהערט״ אַ העצעריי קעגן די מאַכט־אָרגאַנען און אין יעדער אסיפה ״געזען״ אַן אָפענע צוגרייטונג צו דער ״קאָמוניסטישער רעוואָלוציע״, זענען דער רוב אָוונטן פאַרגעקומען מיט גרויס פּאָמפּע און אָפּטמאָל צוגעצויגן וויכטיקע געסט פון די אַרומיקע שטעטלעך, אַן עולם פון משכּילים און סטודענטן. די־אַ ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן זענען צוערשט פאָרגעקומען אין אַן ענגן טונקעלן און שטיקנדיקן זאַל, און שפּעטער — אין גאָרטנס און אין וויינגערטנער, אין די תבואה־שפּייכלערס און איבער די לאָנקעס פון דער ״טאָליקע״. דאָס זענען געווען לוסטיקע אויספלוגן און שפּאַצירן, פול מיט וויציקע מעשיות און געפּעפּערטע שפּאַסן, מיט זויפן פריש־געריסענע פּרוכטן פון די ביימער און זאַפטיקע טרויבן פון די ענגלעך, מיט תאווהדיקן עסן רויטע, פליישיקע אַרבוזן און באַגלייט מיט געזאַנג וואָס האָט זיך געטראָגן פון האַרי־זאָנט צו האָריזאָנט. אין דעם געזאַנג, מער ווי אין די געשפּרעכן און ויכּוחים, האָט מען מיט וואַרעמקייט און ענטוזיאַזם אויסגעדריקט אַלץ וואָס האָט געדריקט אויף דעם האַרץ, וואָס האָט אויפגעברויזט זייער נשמה — נשמות דורכגעזאַפּט מיט יוגנט־פייער און יוגנט־געזאַנג און צעפּרעסן פון שטאַר־

קער בענקשאַפט אַרויסצובאַקומען זיך פון דער שאַלעכץ; לעכצענישן צו דער ברייטקייט, צו דעם וואָס זיי האָבן נישט, צו דעם וואָס איז נישט בנימצא...

"לעכצעניש נאָך מרחקים, נישט היגס", צו וואָס און וווּ־אַהין? אַ טייל נאָך די פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ווייניקע צום שכנותדיקן לאַנד, רוסלאַנד, און אַ מיעוט שב־מיעוט, אַ קערנדל וואָס איז געוואַקסן, געשלאָגן וואָרצלען און זיך פאַרברייטערט מיט די יאָרן, קיין ארץ־ישראל. די ערשטע, ביי זיי האָט געניסטעט אין האַרץ די שטרעבונג נאָך וואַנ־דערונגען און אפילו דער חשק רייך־צו־ווערן; די טרוימער וועגן רוסלאַנד, און דאָס איז געווען די בעסטע יוגנט, זענען געווען באַאיינפלוסט פונעם גייסט פון דער תקופה, פונעם אַראָמאַט פון די אידעען וואָס האָבן געיוירן און געברויזט אין אייראָפּע בכלל, און אינעם שכנותדיקן לאַנד בפרט. ביים קליינעם הייפעלע נאַציאָנאַל־געשטימטע דאָקעגן, איז דער ציוניזם געווען אַ רעזולטאַט פון טיפן באַוווסטזיין און בענק־שאַפט נאָך אַ לעבן פון אַרבעט אין היימלאַנד. אַ לעבן פון אַרבעט, דער געדאַנק האָט אַנטהאַלטן דעם עיקר פון זייער נאַציאָנאַלן גלויבן און אין זיין פּאַקטישער פאַרווירקלעכונג האָבן זיי געזען די רפואה פאַר דער אַנאָמאַליע פונעם גלות־לעבן וואָס איז אַ לעבן אָן ממשות, אָן ליכט, האָפענונגלאָז. קיין וווּנדער נישט בכן וואָס די באַוועגונג גורדוניה איז געווען די וואָס האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אינעם שטעטל, דערוועקט און באַגייסטערט מאַסן יוגנטלעכע, און אַ סך פון זיי זענען היינט צעשפּרייט איבער די שטעט און דערפער פון ישראל.

דער באַשיידענערביישטייער וואָס דאָס שטעטל האָט געגעבן צו דער דריטער עליה, איז בעיקר געקומען פון הייזער

ווו ציון איז געוועז דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, פון משפּחות פאַרוואַרצלט אין אַרבעט און מלאכה און צווישן זיי אַזעלכע וואָס זענען געוועז בקי אין ענינים פון פעלד און מומחים אין אַלע ווירטשאַפט־צווייגן. פון אַט די משפחות (ראַבינאָ־וויטש, פוקס, האַכבערג, אָקסנפעלד, כ״ץ, בענדערסקי מו־שינסקי (=מישאָלי) און זייער גלייכן) זענען אַרויסגעקומען די פיזיש־שטאַרקע און אַרבעטס־געשיקטע חלוצים, געניטע ״פעלד־יינגעלייט״, וואָס זענען געוועזן צווישן די ערשטע זידלער פון כפר־יהושע, דעראַבערער פון יידישער אַרבעט אין פּתח־תקווה, רחובות,כפר־סבא, חדרה, פּרדס־חנה און נאָך. אין זייערע פוסטריט זענען עולה־געוועזן און אָנגעקומען די יונגע און צאַרטע, די ״זיידענע יינגעלייט״: די טעכטער פונעם רב, זיין בן־יחיד משה שטערנבערג, פון די סטודענטן און ערשטע מוסמכים פונעם העברעישן אוניווער־סיטעט, אַדוואָקאַט און פאַרשער פון יידישער פילאָזאָפיע; דעם רבס שוועסטער, חיה (פונט), וועמענס הויז און האַרץ איז תמיד אָפן צו העלפן, דערמוטיקן און שטיצן יעדן נויט־באַדערפטיקטן; די זין פון שוחט, ר׳ שעפטל: ר׳ מנחם־מענדל דאַווידזאָן, זאַמלער פון פאָלקלאָר און היס־טאָריעגראַפיע, דער באַזיצער פונעם רייכן אַרכיוו צו דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פונעם בעסאַראַבישן יידנטום און זיין ברודער אפרים, לערער און מחבר פון לערן־ביכער און מחבר פון ״שחוק פינו״ (תשי״א) — זאַמלונג פאַר הו־מאָר און סאַטירע אין דער העברעישער ליטעראַטור פון איר אָנהייב ביז אונדזערע טעג, מיט אַריינפירן און באַמערקונגען, און ״שחוק לישראל״ (תשי״א) פאָלקלאָר־זאַמלונג, שטייגער און וויצן וועגן מדינת ישראל. אויך זענען עולה־געוועזן פיל אַנדערע, די ״שארית הפליטה״ פונעם שטעטל.

איצט, נאָך איבער אַ האַלבן יובל זינט איך האָב צום לעצטן מאָל געזען דאָס שטעטל, מיטגעלעבט מיט זיין לעבן פון דער נאָענט און צוגעקוקט זיך צום דאָזיקן געמיש פון מענטשן מיט זייערע לעבנס־שטייגערס, שמחות און טרויער, געראַנגלען און טירחות; איצט, ווען איך קוק אויף זיי אין אַנבליק פון דער מוראדיקער שריפה וואָס האָט געטראָפן זייערע אָרעמע היימען, אין שיין פון די גרויסע פאַרענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין אונדזער לעבן אין לאַנד, באַגרייף איך אַלץ מער, אַז דאָרט, גענוי ווי אין אַלע תפוצות הגולה, האָבן זיך געפונען הייזער וואָס זענען פאַקטיש געווען ישראלדיקע פאַרשטייערשאַפטן, איידער עס איז אַנטשטאַנען די מדינה. די הייזער צוזאַמען מיט זייער שטייגער פון לעבן, זענען געווען אַ מין פּרוזדור צום גרויסן, אויסגעבענקטן טרקלין, און ווי דער שטייגער פון אַ פּירהויז איז עס טיילמאָל ענג און פינצטער, אָן ליכט און אָן לופט. וואָס מער דאָרט האָט זיך געשטאַרקט די פינצטערניש, אַלץ גרעסער איז געווען די לעכצעניש נאָך דעם ליכט, וואָס שטאַרקער דער דרוק און די קנעכטשאַפט, אַלץ טיפער איז געווען די בענקשאַפט "צוריקצוקערן צום לאַנד פון די אבות", אין דער "שטאָט וווּ עס האָט גערוט דוד"...

עפּילאָג

אין אַלע תפילות לאָמיר זיי דערמאָנען.
אין אַלע יזכּור׳ס וועלן מיר זיי באַוויינען.
אין אַלע יתגדל׳ס זאָל מען זיי דערקאָנען.
אונדזערע אַלע התקווה׳ס זאָלן זיי באַשיינען.
(יעקב גלאַטשטיין — ״יזכור״)

דאָמבראָווען, מיין קליין און פאַרשטויסן שטעטל אינעם בעסאַראַבישן סטעפּ ביי די ברעגעס פונעם דניעסטער, איז געווען און נישטאָ מער! ווי אַזוי איז עס אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד? ווי אַזוי זענען באַצוויגגען געוואָרן יענע ערדישע, גוטמוטיקע און טעמפּעראַמענטפולע יידן, דורכגעווייקטע און דורכגעזאַפּטע מיט אהבת ישראל, מיט יידישער אמונה און טראַדיציע פון דורות? ווי אַזוי זענען זיי אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער באָדן און באַקוועמע איינגעוואָרצלטע הייזער? ווי אַזוי זעען איצט אויס די ווייניקע און איינצלנע הייזער וואָס זענען געבליבן, האַלב חרוב און צעשטערט, ווי אַזוי זענען זיי געוואָרן אַ היים פאַר פרעמדע ערלים און רוצחים? — וועגן דעם זענען צו אונדז דערגאַנגען בלויז אָפּקלאַנגען פון עדי־ראייה ושמיעה, אַנטריבענע פון דער שווערד, וואָס זענען געקומען צו אונדז מיט דער אימה פון טויט אין זייערע אויגן. ווי פלעווס אינעם ווינט זענען זיי צעשפּרייט געוואָרן איבער די סטעפּעס פון רוסלאַנד און זומפּן פון טראַנסניסטריע; בעת דער רוב פון זיי, טאַטעס מיט זין און טעכטער און תינוקות של בית־רבן, האָבן זייער טויט געפונען אויף די וועגן און אין די וועלדער, אין קאָנצענטראַציע־לאַגערס און אין קעלערס. די הימלען אויבן און די ערד אונטן, בלויז זיי אַליין האָבן אויפגענומען זייער

געשריי און קלאַג, האָבן געהערט זייער קרעכצן און ווידוי פאַר זייער טראַגישן אומקום.

* * *

די אַלע פעלדער, סעדער און ווייִנגערטנער וואָס זענען פאַרזייט, געפלאַנצט, און קולטיווירט געוואָרן אין משך פון דורות אויף די פליינען פון בעסאַראַבישן סטעפּ בכלל, און אין דאָמבראָווען בפרט, וואַקסן ווייטער, בליען און גיבן אַרויס פּרוכט, און זיי זענען עס די שטומע עדות פונעם חורבן.

געוועזן אַ יידיש שטעטל און נישטאָ מער! זיינע יידן, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אין דער ערד און געהאַלטן דעם אַקער־אייזן אין דער האַנט, לאַנגע יאָרן איידער דער ציוניסטישער געדאַנק האָט אָנגענומען הויט און פלייש, זיי האָבן פון דער ווייטנס געזען דאָס לאַנד און אַהין נישט אָנגעקומען, ווייל זיי זענען פאַרטיליקט געוואָרן דורך פאַרברעכערישע טמאים, אפילו צו קבר ישראל נישט געקומען, און דער טאָג פון זייער טויט איז נישט באַקאַנט.